STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10953

MUMU

Ivan Sergeevich Turgenev

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קיעווער
ליטעראַרישער
פֿאַרלאַג

אי. ס. טורגעניעוו

מומו

און אַנדערע דערציילונגען

אי. ס. טורגעניעוו

מומו

און אַנדערע דערציילונגען

פון רוסיש — ב. סלוצקי
רעדאַקטירט פון ב. שטיף

יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג * בערלין

Copyright by the Jewish Literature Publishing Co. Ltd. Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H. Berlin 1922

SATZ:
GOLDBERG & DR. BRENDER.
DRUCK:
HEMPEL & Co. G. m. b. H,
BERLIN SW 68

מומו

אויף אײנעֶר פון די פאַרוואָרפעֶנעֶ מאָסקוועֶר גאַסן, אין אַ גראָהע הויז מיט זײלן, מיט אַן אויבעֶרשטיבל מיט אַן אויסגעֶקרימטן גאַניק האָט אַמאָל געלעֶבט אַ פּריצע אַן אַלמנה מיט אַ גרויסעֶר דינערשאַפט. אירעֶ זין האָבן געֶדינט אין פּעֶטעֶרבורג; די טעֶכטעֶר אירעֶ זײנעֶן געֶוועֶן אויסגעגעֶבעֶנע; זעֶלטן פלעֶגט זי זיך באַװײזן צו גאַסט און אײנזאַם האָט זי אָפּגעֶלעֶבט די לעֶצטעֶ יאָרן פון איר קמצנישער נודנעֶר עֶלטעֶר. איר טאָג אַן אומעטיגער און טריבעֶר, איז שוין לאַנג פאַרגאַנגעֶן, אָבער איר אָוונט איז אויך געוועֶן פינסטעֶרעֶר פון דעֶר נאַכט.

דעֶר מערקווירדיגסטער פון איר גאַנצער דינערשאַפט איז געוועֶן דעֶר סטרוזש געראַסים, אַ פאַרשוין, צוועלף ווער־שקעֶס די הויך, שטאַרק, ווי אַ ריז, און אַ טויב־שטומער פון געבוירן אָן. די פּריצעֶ האָט אים געבראַכט פונם דאָרף, וואו עֶר האָט געלעֶבט אײנער אַלײן אין אַ קלײן שטיבעלע, באַזונדעֶר פון זײנע ברידער, און האָט זיך גערעכנט כמעט פאַרן פּינקטליכסטן פּריצס קנעכט. עֶר איז געוועֶן אַ זעל־טעֶנעֶר גבר און געאַרבעט האָט עֶר פאַר פיר — די אַרבעט האָט געברענט אונטעֶר זײנעֶ הענט, ס'איז געוועֶן אַ פאַר־געניגן צו קוקן אויף אים, ווי עֶר אַקעֶרט: אָנגעשפּאַרט מיט

די גרויסע הענט אויפן אַקעראייזן האָט זיך געדאַכט, פונקט ווי ער אַליין, אָן דעם פערדלס הילף, שנײַדט דאָס ביי דער ערד שטיקער ברוסט; אָדער, ווי ער אַרבעט אויף פעטראָוו אַזוי פייערדיג מיט דער קאָסע, אַז אַפילו אַ בערעזאָווע וועלדל וואָלט ניט געקאָנט איינשטיין קעגן איר; אָדער, ווי ער דרעשט פלינק און אָן אַן אָפּשטעל מיט אַ דרייאַרשיניגן שטאַנג, און דערביי הויבן זיך ביי אים די האַרטע אַקסל־מוסקלען אויף און אָפּ אַזוי ווי אַ הייבער. דאָס שטענדיגע שווייגן האָט פאַרשאַפט זיין שטענדיגער היציגער אַרבעט אַ מין געהויבענעם ערנסט. אַ וואוילער יונג געווען, און ווען ניט זיין אומגליק, וואָלט יעדער מיידל גערן חתונה געהאַט פאַר אים...

דערווייל האָט מען געראַסימען געבראַכט קיין מאָסקווע, געקויפט אים אַ פאָר שטיוול, אויפגענייהט אויף זומער אַ קאַפטן, אויף ווינטער — אַ פעלץ, געגעבן אים אין די הענט אַריין אַ בעזים מיט אַ לאָפּעטע און אים געמאַכט פאַר אַ סטרוזש.

פון אָנהויב איז אים זיין נייַ לעבן שטאַרק ניט צום האַרצן געווען. פון קינדוויַז אָן איז ער געוועהנט געווען צו פעלד־אַרבעט, צום דאָרפישן שטייגער. דער אומגליק זיינער האָט אים געהאַלטן ווייט פון מענשן, און ער איז אויסגעוואַקסן שטום און שטאַרק, ווי אַ בוים, וואָס וואַקסט אויף פעטער ערד... אין שטאָט, וואוהין מ׳האָט אים געבראַכט, האָט ער נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים טוט זיך, האָט ניט געוואוסט, ווי זיך אַהינטון און האָט דאָס ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי ס׳קאָן ניט באַגרייפן קיין יונגער געזונטער אָקס, וואָס מ׳האָט אים נאָר וואָס צוגענומען פון דעם פרייען

פעלד, פונם זאַפטיגן גראָז ביזן בויך — גענומען און פאַרשפאַרט אין אַ וואַגאָן און ס׳וואַרפט מיט אים איצט, און ס׳שיטן זיך אויף זיין פעטן גוף רויך, פונקען און כוואַליעס פאַרע, ס׳טרייסלט מיט אים, ס׳קלאַפט און ס׳פייפט, און וואָס? ווען? — גאָט ווייסט. קעגן דער שווערער פויערשער פּראַצע, האָט די אַרבעט אויף דער נייער שטעל אויסגעזעהן גערעאַסימען אַ שפּילעכל: אין איין האַלבער שעה פלעגט ער שוין זיין פאַרטיג, און ער פלעגט זיך ווידער אַוועקשטעלן אין מיטן הויף און קוקן מיט אַן אָפן מויל אויף אַלע דורכגייער, פונקט ער האָט געוואָלט ביי זיי דערגיין עפּעס וועגן זיין ווילד פרעמד לעבן; אָדער אַ׳ניט פלעגט ער גאָר פלוצים אַוועקגיין ערגעץ אין אַ ווינקל, ווייט אַ שליידער טון פון זיך דעם בעזים מיט דער לאָפּעטע, זיך אַ וואָרף טון מיטן פּנים אַראָפּ אויף דער ערד און אַזוי אָפּליגן שעה׳ן־לאַנג מיטן פּנים אַראָפּ, ניט אַ ריר טון זיך ווי אַ געפאַנגענע חיה.

אַ מענש ווערט אָבער צו אַלץ צוגעוועהנט, און גערעאַסים האָט זיך ענדליך אויך צוגעוועהנט צום שטאָטישן לעבן. קיין סך אַרבעט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט געדאַרפט האַלטן ריין דעם הויף, צוויי מאל אַ טאג ברענגען אַ פעסל וואַסער, אנטראגן און אנהאַקן האלץ פאַר דער קיך און פאַר דער שטוב, ניט אַריינלאזן קיין פרעמדע און ביינאַכט היטן דעם הויף. מ׳דאַרף זאגן: ער האט פלייסיג געטאָן זיין אַרבעט; אויפן הויף האָט זיך ביי אים קיין מאָל נישט געוואַלגערט קיין שפענדעלע, קיין מיסט. פלעגט די אַלטע קליאַטשע — די וואַסערפירערין—פאַרריזנען ערגעץ וואו אין אַ בלאָטע מיטן פעסל, איז גענוג געווען ער זאָל אַ ריר טון מיטן אַקסל,

און שוין אַרויסגעשלעפּט די פור מיט דעם פערדל; האָט ער גענומען האַקן האַלץ, האָט די האַק ביי אים, ווי גלאָז, גע־קלונגען און אויף אַלע זייטן זיינען געפלויגן שפּענער און שייטלאַך האָלץ.

פרעמדע האָבן פאַר אים אָפּשיי געהאַט. איינמאָל ביי־נאַכט האָט ער געכאַפּט צוויי גנבים און זיי אַזוי צעבוצקעט מיט די שטערנס, אַז מ'האָט שוין קיין פּאָליציי ניט גע־דאַרפט. ־פון דעמאָלט אָן האָט מען פאַר אים דרך ארץ געקראָגן אין גאַנצן קוואַרטל; פלעגן בייטאָג, אַפילו דורכגייער, גאָר ניט קיין גנבים, נאר סתם פרעמדע מענטשן, דערזעהן דעם שטרענגן סטרוזש, אַזוי פלעגן זיי פאַרוואַרפן מיט הענט און מיט פיס און שרייען אויף אים, פונקט ווי ער וואָלט געקאָנט הערן זייער געשריי.

מיט דעם איבעריגן דינסטגעזינדל איז געראַסים געווען מ'קאָן ניט זאָגן חבר'יש, — זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אים, דאָך באַהענט: ער האָט זיי געהאַלטן פאַר זייניגע. זיי פלעגן רעדן מיט אים אויפן וואונק, און ער האָט זיי פאַרשטאַנען און פינקטליך אויסגעפאָלגט וואָס מ'האָט אים געהייסן. אָבער פון זיין רעכט האָט ער אויך געהאַלטן, קיינער האט זיך ניט דערוועגט פאַרנעמען זיין אָרט ביים טיש. בכלל איז געראַסים געווען בטבע שטרענג און ערנסט, האט ליב געהאַט אָרדענונג אומעטום.

אַפילו די הענער האָבן ניט געוואַגט זיך שלאָגן פאַר אים אין די אויגן, וואָרן אַ'ניט — פלעגט זיך טון חושך: בכלל, אַ כאַפּ פאַר די פיס, אַ דרעה הקפות אַ צעהן מאָל אין דער לופטן און צעטריבן. ביי דער פּריצע אויפן הויף

האָבן זיך אויפגעהאַלטן געַנז אויך; אַ גאַנז אָבעֶר, ווייסט מען, איז אַ חשובע און באַטראַכטעֶ זאַך, געֶראַסים האט פון זיי שטאַרק געֶהאַלטן און האט זיי געקעכלט, עֶר אַליין האָט אויך אַ ביסל געֶכאַפּט דעֶם אָנבליק פון אַ געזעצטן גאָנעֶר, מ׳האָט אים אָפּגעגעֶבן אַ קעמערל איבעֶר דעֶר קיך, עֶר האָט זיך דאס אַליין צוגעראַמט פאַר זיך נאך זיין גוסט נאָך, האָט זיך געֶמאַכט אַ בעטל פון דעמבעֶנעֶ ברעֶטעֶר אויף פיר קלעֶצער, אַן אמתע־ריזן בעֶט: הונדעֶרט פוד האָט מען געמעֶגט אַוועקלעֶגן דערויף, וואָלט עס זיך ניט איינגעֶבויגן, אונטעֶרן בעט איז געשטאַנען אַ געֶזונטעֶר קאַסטן, אין ווינקל איז געשטאַנעֶן אַ טישל, אויך אַזוי פעֶסט, און נעֶבן טישל — אַ בעֶנקל אויף דריי פיסלאַך און צוגעפּלאַטשט, נאָר אַזוי שטאַרק, אַז געֶראַסים אַליין פלעֶגט עס אַ הויב טון, אַ וואָרף טון און זיך צופרידן צעשמייכלעֶן. דאָס קעֶמעֶרל פלעֶגט זיך פאַרשליסן מיט אַ שלאָס, וואָס האָט אויסגעזעֶהן ווי אַ קוילעֶטשי, נאָר אַ שוואַרצעֶר; דעֶם שליסל פון דאָזיגן שלאָס האָט געראַסים שטעֶנדיג געהאַלטן ביי זיך אויפן גאַרטל. עֶר האָט נישט ליב געהאַט מ׳זאָל גיין צו אים. נאָך דעֶם, ווי ס׳איז אַריבעֶר אַזוי אַ יאָר, האָט זיך מיט געראַסימען געטראָפן אַ סיבה.

די אַלטעֶ פריצעֶ האָט זיך געֶפירט גאָר און גאָר לויט די אַלטפרעֶנקישעֶ מנהגים און האָט געֶהאַלטן אַ גרויסעֶ דינעֶרשאַפט. אין הויז ביי איר זיינען געוועֶן ניט אַליין וועשערינס, נייטעֶרקעֶס, טעֶסלעֶרס, שניידעֶרס און שניידערקעֶס, נאָר אַ רימעֶר אויך, עֶר איז געוועֶן פאַר איינוועֶגס דעֶר וועטערינאַר און דעֶר רופא פאַר די הויפמעֶנשן, און דעֶר שטובדאָקטאָר ביי דעֶר פריצעֶ. אין הויז איז נאָך געוועֶן אַ שוסטער

מיטן נאָמען קאַפּיטאַן קלימאָוו, אַ גרויסער שכּור. קלימאָוו האָט געהאַלטן, אַז די וועלט באַליידיגט אים און פאַרשטייט ניט זיין ווערט. ער אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מענשן אַ געבילדעטן און גרויסשטאָטישן, וואָס וואָלט באַדאַרפט לעבן ניט אין מאָסקווע אָן אַרבעט ערגעץ אין אַן עק. אויב ער טרינקט, פלעגט ער אַליין זאָגן אויף זיך, געציילט יעדער וואָרט און געקלאַפּט זיך אין האַרצן, טרינקט ער טאַקע נאָר פאַר צרות. אָט וועגן אים האָט איינמאָל די פריצע פאַרפירט אַ שמועס מיט איר אויבערקאָנאָם גאַווריליאַן, אַ פאַרשוין, וואָס נאָר אַ קוק טון אויף זיינע געלע אויגעלאַך און אויף זיין נאָז, ווי ביי אַ קאַטשקע, זעהט מען באַלד, אַז גאָט אַליין האָט אים געהייסן זיין דער אויבערהאַר איבער אַנדערע.

די פריצע האָט באַדויערט, וואָס קאַפּיטאַן איז אַזוי פאַרדאָרבן: נעכטן האָט ער זיך געוואַלגערט ערגעץ אין גאַס.

— ווי רעכנסטו, גאַווריליאַ, — האָט זי פּלוצים אַ זאָג געטאָן — טאָמער וואָלטן מיר אים חתונה געמאַכט? אפשר וועט ער ווערן לייטישער.

— פאַרוואָס ניט חתונה מאַכן? מ׳קאָן, — האָט גאַווריליאַ געענטפערט, — ס׳וועט אַפילו זעהר גוט זיין.

— יאָ, אָבער ווער וועט אים נעמען?

— געוויס. און ווידער, ווי אייך וועט וואוילגעפעלן. אויף עפעס טויג ער דאָך. פון קאָן ווערסטו אים ניט אויסמעקן.

— דאַכט זיך טאַטיאַנאַ געפעלט אים?

גאַווריליאַ האָט געוואָלט עפעס זאָגן קעגן דעם, נאָר האָט פאַרביסן מיט די ליפּן.

— יאָ... זאָל ער זיך נעמען טאַטיאַנאַן — איז ביי דער פּריצע געבליבן און זי האָט מיט פאַרגעניגן אַ שמעק־טאַבאַק געטאָן, — דו הערסט?

איך הער, — האָט גאַווריִלאַ געענטפערט און איז אַוועק־געגאַנגען.

זיך אומגעקערט צו זיך אין שטיבל (דאָס איז געווען אין דעם פליגל, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט געקאָוועטע קאַסטענס), האָט גאַווריִלאַ קודם כל אַרויסגעשיקט אין דרויסן אַרויס זיין ווייב. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן פענסטער און האָט זיך פאַרטראַכט. דער פּריצעס אומגעריכטער באַפעל האָט אים, ווייזט אויס, געוואונדערט. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבן און געהייסן אַריינרופן קאַפּיטאָנען. קאַפּיטאָן איז אַריין... נאָר איידער מיר וועלן איבערגעבן די לעזער זייער שמועס, האַלטן מיר ניט איבעריג צו דערצעהלן אין קורצן, ווער איז געווען די דאָזיגע טאַטיאַנאַ, וואָס קאַפּיטאָן האָט געזאָלט מיט איר חתונה האָבן, און פאַרוואָס האָט דער פּריצעס באַפעל אַזוי געאַרט דעם עקאָנאָם.

טאַטיאַנאַ איז געווען אַ וועשערין (אַלס געניטע און געלערנטע וועשערין האָט מען איר געגעבן נאָר דאָס פיינע גרעט), אַ פרוי פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציג, אַ קליינינקע, אַ מאָגערע, אַ ריסאַווע, מיט ווערצעלאַך אויף דער לינקער באַק. ווערצעלאַך אויף דער לינקער באַק האַלט מען פאַר אַ שלעכטן סימן — אַ סימן אויף אַן אומגליקליך לעבן: טאַטיאַנאַ האָט זיך ניט געקאָנט איבערנעמען מיט איר מזל... פון קליינווייז אָן איז זי רעכט אָפּגעקומען, זי האָט געאַרבעט פאַר צוויי און קיין מאָל קיין גוט וואָרט נישט געהערט;

מ׳האָט זי שלעכט געקלײדט׳ שכירות האָט זי גענומען זעהר קלײנע; קײן קרובים האָט זי כמעט װי נישט געהאַט: עפּעס אײנער אַן אַלטער היטער׳ װאָס מ׳האָט אים איבערגעלאָזט אין דאָרף׳ װײל ער האָט שױן אױף גאָרנישט ניט געטױגט׳ האָט איר אָנגעקערט אַ פעטער׳ די איבעריגע פעטערס זײנען געװען פױערים — און דאָס גאָר׳ אַמאָל האָט זי געשמט פאַר זעהר אַ שענער׳ אָבער די שענקײט האָט זיך זעהר גיך געפעלט׳ געװען איז זי בטבע זעהר אַ שטילע׳ ריכטיגער געזאָגט׳ אַן אָנגעשראָקענע׳ קאַלט צו זיך אַלײן מיט אַ מורא פאַר פרעמדע און געטראַכט האָט זי נאָר פון אײן זאַך׳ װי אַזױ אָפּטאָן די אַרבעט צו דער צײט׳ מיט קײנעם קײנמאָל נישט גערעדט׳ און האָט געציטערט פאַר דער פּריצעס נאָמען אַלײן׳ כאָטש יענע האָט זי כמעט אין פּנים נישט געקענט׳ אַז מ׳האָט געבראַכט געראַסימען פון דאָרף׳ איז זי שיער נישט געשטאָרבן פאַר שרעק׳ דערזעהענדיג אַזאַ אומגעהײער׳ זי האָט זיך געמיהט אים אױסצומײדן׳ און האָט אַלע מאָל די אױגן פאַרזשמורעט׳ װען איר פלעגט אױסקומען פאַרבײ־ לױפן פון הױף אין װאַש־שטוב׳

געראַסים האָט זי תחלת כמעט װי נישט באַמערקט׳ שפּעטער האָט ער אָנגעהױבן צו שמײכלען׳ װען זי איז אים געקומען אַנטקעגן׳ דערנאָך האָט ער זיך גענומען פאַרקוקן אױף איר און׳ צו לעצט׳ האָט ער שױן פון איר קײן אױג ניט אַראָפּגעלאָזט׳ פאַרװאָס איז זי אים אַזױ געפעלן? פאַר דעם שטילן אױסדרוק פון איר פּנים׳ צי פאַר אירע שע־ מעװדיגע תנועות — אײן גאָט װײסט! אײנמאָל איז זי דורכ־ געגאַנגען דעם הױף און האָט פאָרזיכטיג געטראָגן אױף די

צענומענע פינגער דער פריצעס אַן אָנגעקראָכמאַלעטע קאָפּטע...
פלוצים האָט זי עמיצער אָנגעכאַפּט פאַרן עלנבויגן; זי האָט זיך אומגעקוקט און אַ געשריי געטאָן: דאָס איז געווען גראַסים. ער האָט נאַריש געלאַכט, פריינטליך געמרוקעט און דערלאַנגט איר אַ לעקעכל — אַ הינטושיק מיט לוישגאָלד אויפן עק און אויף די פליגעלאַך.

זי האָט געפּרואווט ניט נעמען, נאָר ער האָט דאָס אַריינגערוקט מיט גוואַלד גלייך איר אין האַנט אַריין, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איז אָפּ און, אויסדרעהענדיג זיך, האָט ער נאָך אַמאָל אַ מרוקע געטאָן עפּעס זעהר פריינטליך. פון יענעם טאָג אָן האָט ער שוין זי נישט געלאָזט צו רוה; וואוהין זי גייט, וואַקסט ער דאָרטן אויס, גייט איר אַנטקעגן, שמייכלט, מרוקעט, מאַכט מיט די הענט, שלעפּט פלוצים אַרויס אַ סטענגע פונם בוזים און רוקט איר אַריין, פאַרקערט מיטן בעזים דעם שטויב פאַר אירע פיס... די אָרימע מויד האָט פּשוט נישט געוואוסט, ווי זיך צו באַנעמען און וואָס זאָל זי טון. אין גיכן האָט זיך די גאַנצע שטוב דערוואוסט פון דעם שטומענס שטיק. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשפּעטענישן, ווערטלאַך און שטעך־ווערטער. מיט גראַסימען האָט אָבער קיינער זיך נישט דערוועגט צו מאַכן שפּאַס; ער האט פיינט געהאַט צו טרייבן קאַטאָוועס; אַפילו זי פלעגט מען לאָזן צו רוה, אויב ער איז נאָר געווען דערביי. ווילנדיג ניט ווילנדיג איז דאָס מיידל אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין שוץ.
ווי אַלע טויב־שטומע, פלעגט ער זיך גרינג אָנשטויסן און האָט גוט פאַרשטאַנען, ווען מ'האָט געלאַכט פון אים אָדער פון איר. איינמאָל האָט די קאַסטעלאַנשע, טאַטיאַנאַס אַ הע־

כּערע, געקומען ביים מיטאָג, ווי מ׳זאָגט, לאָזן איר שפּילקעס און איז איר אַזוי דערגאַנגען, אַז יענע האָט, נעביך, נישט געוואוסט וואוהין די אויגן אַהינצוטון און האָט זיך שיער ניט צעוויינט פון פּאַרדראָס. פּלוצים האָט זיך געראַסים אויפגעהויבן, אויסגעצויגן זיין האַנט, האָט זי אַרויפגעלעגט דער קאַסטעליאַנשע אויפן קאָפּ און האָט מיט אַזאַ פינסטערער רציחה איר אַ קוק געטאָן אין פּנים אַריין, אַז יענע האָט זיך גלייך צוגעבויגן צום טיש. אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. געראַסים האָט זיך ווידער גענומען פאַר דער לעפל און האָט זיך ווייטער געזופט דעם באָרשטש. — זעה נאָר, דער טויבער יאַש! — האָבן אַלע אַ מורמל געטאָן שטילערהייד, די קאַסטעלאַנשע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין דער מויד־שטוב.

אַ צווייט מאָל האָט ער באַמערקט, ווי קאַפּיטאָן, אָט דער זעלבער קאַפּיטאָן, וואָס פון אים איז נאָר וואָס געווען די רייד, האָט עפּעס צו ליבליך זיך געגריסט מיט טאַטיאַנאַן. געראַסים האָט אים מיטן פינגער צוגערופן צו זיך, אים אָפּגעפירט אין שטאַל, אַ כאַפּ געטאָן אַ דישעל פון אַ ווינקל, און האָט אַזוי שפּילנדיג, נאָר גאַנץ ערנסט אַ פיר געטאָן פאַר אים מיטן דראָנג. פון דעמאָלט אָן האָט שוין מער קיינער נישט פאַרפירט קיין שמועס מיט טאַטיאַנאַן. דאָס אַלץ איז אים גרינג אָפּגעלאָפן, אמת, די קאַסטעלאַנשע, ווי נאָר זי איז געקומען צו לויפן אין דער מויד־שטוב, איז זי באַלד געפאַלן חלשות, און האָט דאָס געמאַכט אַזוי קונציג, אַז די פּריצע האָט זיך נאָך דעם זעלבן טאָג דערוואוסט פון געראַסימס גראָבקייט, אָבער די קאַפּריזע פּריצע האָט זיך

נאָר צעלאַכט, געהייסן דער קאַסטעלאַנשע עטליכע מאָל איבערחזרן: ווי אַזוי, הייסט עס, האָט ער דיך צוגעבויגן מיט זיין שווער הענטל (די קאַסטעלאַנשע האָט זיך גראָד גע־פיהלט שטאַרק באליידיגט דערפון), און האָט אויף מאָרגן אַרויסגעשיקט געראַסימען אַ רובל, זי האָט פון אים געהאַלטן, ווי פון אַ געטרייען געזונטן שומר. געראַסים האָט פאַר איר רעכט מורא געהאַט, דאָך האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף איר גענאָד, און זיך שוין געקליבן גיין צו איר בעטן, זי זאָל אים לאָזן חתונה האָבן מיט טאַטיאַנאַן. ער האָט נאָר געוואַרט אויפן נייעם קאַפטן, וואָס דער עקאָנאָם האָט אים צוגעזאָגט, כדי לייטן־גלייך זיך פאָרשטעלן פאַר דער פריצע, ערשט פּלוצים איז איר איינגעפאַלן חתונה מאַכן טאַטיאַנאַן פאַר קאַפּיטאָנען.

דער לעזער וועט איצט גרינג פאַרשטיין די סיבה, פאַר־וואָס דער עקאָנאָם גאַווריל זאָ האָט זיך פאַרלוירן נאָכן שמועס מיט דער פריצע. די בעל־הביתטע — האָט ער געטראַכט, זיצנדיגביים פענסטער, — פאַרשטייט זיך, האַלט פון גע־ראַסימען (גאַווריל האָט דערפון גוט געוואוסט, און דעריבער האָט ער אליין אים נאָכגעגעבן), דאָך איז ער פאָרט אַ שטומער בעל־חי, מ׳קאָן דאָך ניט מעלדן דער פריצע, אַז געראַסים, הייסט עס, איז פאַרליבט אין טאַטיאַנאַן און אינדערמתן גע־זאָגט: אויך מיר אַ מאַן! און ווידער צוריק, גענוג דער דאָזיגער שד, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, זאָל זיך דער־וויסן, אַז מ׳גיט אויס טאַטיאַנאַן פאַר קאַפּיטאָנען, ער זאָל די גאַנצע שטוב איבערקערן, מיט אים וועסטו זיך דאָך ניט צונויפ־

רעדן; דעם דאָזיגן רוח, צרות מיינע, וועסטו דאָך פאַר קיין פאַל ניט איינהאלטן, אַ!

קאַפּיטאַנס אַריינקומען האָט איבערגעשלאָגן גאַווריליאַס געדאַנקען - גאַנג. דער לייכטזיניגער שוסטער איז אַריינגע־גאַנגען, די הענט פאַרלעגט אַרונטער, האָט זיך מיט ברייטקייט צוגעשפּאַרט צום אַרויסגערוקטן וואַנט־ווינקל נעבן דער טיר, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס רעכטע פּיסל קווער איבער דער לינקער און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ: "אָט בין איך, הייסט עס, וואָס דאַרפט איר האָבן?"

גאַווריליאַ האָט אַ קוק געגעבן אויף קאַפּיטאַנען און גע־נומען קלאַפּן מיט די פינגער אויפן בייטשטידל פונם פענסטער. קאפּיטאָן האָט פאַרזשמורעט אַ ביסעלע די בלייערנע אויגן, האָט זיי אָבער נישט אַראָפּגעלאָזט, אַפילו עטוואָס צו־געשמייכלט און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיינע ווייסליכע האָר, וואָס זיינען געווען צעשויבערט אויף אַלע זייטן. —"נו, אָט דאָס בין איך, פּאַסט עס? וואָס קוקסטו אַזוי"? — "אַ לייט, — האָט גאַווריליאַ אַ זאָג געטאָן און צו־געשוויגן, — אַ לייט! נישטאָ וואָס צו זאָגן!"

קאַפּיטאָן האָט נאָר אַ ציה געטאָן מיט אַן אַקסל: "וואָס, דו ביזט בעסער?" — האָט ער זיך געטראַכט.

— נו, גיב נאָר אַ קוק אויף זיך, נו, גיב אַ קוק, — האָט גאַווריליאַ ווייטער אים פירגעהאַלטן.

— נו, וואָס פאַר אַ פּנים האָסטו? — קאַפּיטאָן האָט מיט אַ רוהיגן בליק באַטראַכט זיין אָפּגעטראָגענעם, צעריסענעם סורדוט, זיינע פאַרלאַטעטע הויזן, האָט מיט אַ באַזונדער

טשיקאַוועקייט באַקוקט זיינע צעריסענע שטיוול, דער עיקר דעם רעכטן, און האָט ווידער אַמאָל גענומען קוקן אויפן עקאָנאָם.

— נו, איז וואָס?

— איז וואָס? — האָט גאַווריִלאַ איבערגעחזרט, — איז וואָס? דו זאָגסט נאָך: איז וואָס? זעהסט דאָך אויס ווי אַ רוח, זינד מיינע גרויסע, פאַרשטייסטו שוין? — קאַפּיטאָן האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן.

„זידלט זיך, הייסט עס, זידלט זיך, גאַווריִלאַ אַנדרייאיטש" — האָט ער זיך ווידער געטראַכט...

— דו ביזט נאָך אַמאָל געווען שכור — האָט גאווריִלאַ אָנגעהויבן: — א יאָ, נאָך אַמאָל? אַ? נו, ענטפער זשע!

— אמת, צוליבן שוואַכן געזונט האָב איך זיך אונטערגעגעבן דעם ביטערן טראָפּן, ריכטיג, — האָט געענטפערט קאַפּיטאָן.

— צוליבן שוואַכן געזונט?.. מ'קאַטעוועט דיך ווענִיג, אָט וואָס; דערויף האָסטו באַדאַרפט זיין אין פּיטער *) אין דער לערע?.. אַ סך זיך אויסגעלערנט! פרעסט נאָר ברויט אומזיסט!

— אין דעם, גאַווריִלאַ אַנדרייאיטש, איז נאָר איין גאָט אין הימל מיין שופט און מער קיינער נישט, נאָר ער איינער ווייסט, וואָס פאַר אַ מענש איך בין אויף דער וועלט, און צי עס איך טאַקע אומזיסט ברויט, און קעגן דעם, וואָס מ'זאָגט, אַ שטייגער, שכרות — איז בין איך ניט שולדיג, נאָר מער מיינער אַ חבר; מיך האָט ער פאַרדרעהט און אַליין

*) פּעטערבורג.

האָט ער אָפּגעטאָן אַ פּאָליטיקע, איז אַוועק, הייסט עס, און איך...

— און דו ביזט געבליבן לעקיש, אין דרויסן; אַ, דו, דראַב איינער! אָבער ניט דאָס — האָט דער עקאָנאָם ווייטער געזאָגט, — נאָר אָט וואָס: די פּריצע... — דאָ האָט ער צוגע־שוויגן אַ ווײַלע, — דער פּריצע איז געפעלן, דו זאָלסט חתונה האָבן, דו הערסט? זיי רעכענען, אַז דו וועסט חתונה האָבן, וועסטו ווערן לייטישער, פאַרשטייסט?

— פאַרוואָס זאָל מען ניט פאַרשטיין.

— נו, יאָ, איך מיין, אַז מ׳וואָלט דיך בעסער באַדאַרפט גוט אַרייננעמען אין די הענט אַריין — נאָר דאָס איז שוין זייער זאַך, איז וואָס? באַשטייסטו? — קאַפּיטאָן האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

— חתונה האָבן איז אַ גוטע זאַך פאַר אַ מענטשן, גאַוו־רילאַ אַנדרייאיטש; און איך — אָך! מיט מיין שענסטן פאַר־געניגן.

— נו, יאָ, — האָט גאַווריליאַ אָפּגעענטפערט, און ביי זיך האָט ער אַ טראַכט געגעבן: „מ׳קאָן נישט לייקענען, דער מענטש רעדט צו דער זאַך“ — נאָר אָט וואָס, — האָט ער צו־געגעבן אויף אַ קול, — אַ כלה האָט מען דיר צוגעזוכט ניט פון די אַנטיקן.

— ווער איז, למשל, מיט רעשפּעקט צו וויסן?

— טאַטיאַנאַן.

— טאַטיאַנאַן?

קאַפּיטאָן האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און זיך אָפּגע־רוקט צו דער וואַנט.

— נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? זי איז דיר ניט צום האַרצן?

— וואָס פאַר אַ נישט צום האַרצן, גאַווורילאַ אַנדריי־איטש! נישקשה פון אַ מויד, אַ האָרעפּאַשנע, אַ שטילע מויד... אָבער איר ווייסט דאָך אַליין, גאַווורילאַ אַנדרייאיטש, אָט יענער שד, ער איז דאָך אין איר... דער באָק...

— איך ווייס, ברודער, איך ווייס, — האָט אים דער עקאָנאָם איבערגעשלאָגן — אָבער...

— אָבער גאָט איז מיט אייך, גאַווורילאַ אַנדרייאיטש! ער וועט מיך דאָך דערהרגענען, באמונות דערהרגענען, צעקוועטשן, ווי אַ פליג. עפּעס האט ער דאָך אַ הענטעלע, איר מעגט אַזוי גוט זיין אַליין אַ קוק טון, וואָס פאַר אַ הענטעלע ער האָט, אַ פּאָר ידים, ווי ביי מינין און פּאָזשאַרסקי.*) ער איז דאָך טויב, האַקט ער און הערט נישט ווי ער האַקט! עפּעס נאָר ווי פון שלאָף פאָ־כעט ער מיט שטיקער פויסטן, איינשטילן אים — פּרואוו נאָר! וואָס איז? איר ווייסט דאָך אַליין, גאַווורילאַ אַנדרייאיטש, אַז ער איז אַ טויבער, און נאָך דערצו אַ פּערדאַטש. דאָס איז דאָך אַזאַ חיה, אַזאַ גולם, גאַווורילאַ אַנדרייאיטש, נאָך ערגער ווי אַ גולם.. אַ מין קלאָץ איינע... פאַרוואָס זשע זאָל איך איצט איבערגיין אויף זיינע הענט? ס׳פאַרשטייט זיך, מיר איז איצט אַלצאיינס: אַ מענש האָט זיך אָפּגעטראָגן, זיך אָנגעליטן, פאַרשמאָלצעוועט געוואָרן, ווי אַן אַלטער טאָפּ — אָבער אַ מענש בין איך דאָך, ניט קיין ליימענער טאָפּ.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, צעלעג זיך ניט אַזוי...

---

*) צווי רוסישע היסטאָרישע העלדן.

— גאָט מיין גאָט! — האָט דער שוסטער ווייטער גערעדט מיט היץ: — ווען זשע וועט עס נעמען אַ סוף? ווען? גאָט איינער! ס'אַן אומגליקליכער, וואָס איך בין! אַ מזל, נאָר אַ טראַכט צו טון, ס'אַראַ מזל איך האָב! אין דער בלוט־יוגנט האָב איך געכאַפּט קלעפּ פון דעם בעל הבית, דעם דייטש; אין דער בעסטער רייף פון מיינע יאָרן האָבן מיך אייגענע מענטשן געשלאָגן, צום סוף שוין, אין די יאָרן, צו וואָס איך האָב זיך דערלעבט...

— אַ, דו קלאָטשענע נשמה איינע, — האָט גאַווריקאַ אַ זאָג געטאָן, — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאָזט, זעה נאָר?

— וואָס הייסט, וואָס, גאַווריקאַ אַנדרייאיטש? — ניט די קלעפּ שרעקן מיך, גאַווריקאַ אַנדרייאיטש, שטראָף מיך, האַרעלע, אין שטוב, נאָר ווייז מיר אַ פרעהליך פּנים פאַר מענטשן, האָב איך נאָך אַלץ אַ פּנים פאַר לייטן; אָבער דאָ פון וועמען ס'קומט אויס...

— נו, אַרויס, — האָט אים גאַווריקאַ אומגעדולדיג איבער־געשלאָגן.

קאַפּיטאָן האָט זיך אָפּגעקערעוועט און האָט זיך אָפּ־געטראָגן.

— און לאָמיר זאָגן, אַז ער וואָלט נישט זיין, — האָט אים דער עקאָנאָם נאָכגעשריגן, — דו אַליין באַשטייסט?

— איך זאָג אַ וואָרט, — האָט קאַפּיטאָן געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען.

שפּראַך האָט אים נישט געפעלט אַפילו אין די ערגסטע פאַלן.

דער עקאָנאָם איז זיך עטליכע מאָל אַדורכגעגאַנגען איבערן צימער.

— נו, רופט איצט אַריין טאַטיאַנאַן, — האָט ער באַפוילן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז טאַטיאַנאַ שטיל אַרײַנגעקומען און געבליבן שטיין בײַ דער שוועל.

— וואָס ווילט איר הייסן, גאַווריליאַ אַנדרייאיטש, — האָט זי שטיל געזאָגט.

דער עקאָנאָם האָט אויף איר אַ שאַרפן בליק געטאָן.

— נו, טאַטיאַנאַ, — האָט ער געזאָגט, — ווילסט חתונה האָבן? די פּריצע האָט דיר אַ חתן צוגעזוכט.

— איך פאָלג, גאַווריליאַ אַנדרייאיטש. און וועמען הייסן זיי מיר נעמען פאַר אַ חתן? — האָט זי קוים אויסגערעדט.

— קאַפּיטאָן דעם שוסטער.

— איך פאָלג.

— ער איז אַ ווינט אין פעלד, דאָס איז אמת, נאָר די פּריצע פאַרלאָזט זיך אויף דיר.

— איך פאָלג.

— איין צרה נאָר... אָט דער טויבער, גאַראַסקאַ, ער פאַרעט זיך דאָך אַרום דיר. וואָס האָסטו אים אַזוינס אָפּגעטאָן דעם בער? איך האָב מורא, ער וועט דיך דערהרגענען, אָט דער בער איינער...

— ער וועט דערהרגענען, גאַווריליאַ אַנדרייאיטש, אָ, ער וועט דערהרגענען!

— ער וועט דערהרגענען... נו, דאָס וועלן מיר נאָך זעהן. וואָס הייסט ער וועט דערהרגענען? ער מעג דען דיך הרגענען, זאָג אַליין?

— איך ווייס נישט, גאַווריל אַנדרייאַיטש, צי מעג ער, צי ניט.

— קוק זי נאָר אָן! דו האָסט דאָך יענעם גאָרנישט ניט צוגעזאָגט...

— וואָס וועט איר באַפוילן?

דער עקאָנאָם האָט צוגעשוויגן און אַ טראַכט געגעבן: — „ס'אַ שטילע נשמה, וואָס דו ביזט!“ — נו, גוט — האָט ער געזאָגט אין דער הויך — מיר'ן נאָך איבעררעדן מיט דיר און איצט גיי, טאַניושאַ, איך זעה דו ביזט אַ פרומע נשמה.

טאַטיאַנאַ האָט זיך אויסגעקערעוועט, זיך גרינג אָנגעשפאַרט צו דער אויבערשוועל פון דער טיר און איז אַוועקגעגאַנגען.

„און אפשר וועט די פריצע מאָרגן גאָר פאַרגעסן אין דער דאָזיגער חתונה — האָט דער עקאָנאָם אַ טראַכט געגעבן, — וואָס האָב איך זיך אַזוי צעקאָכט? דעם ווילדן יונג וועלן מיר איינשפאַנען, טאָמער עפּעס וואָס — גיבן מיר צו וויסן פּאָליציי“...

— אוסטינאַ פיאָדאָראָוונאַ — האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן צו זיין ווייב; — שטעל נאָר, זיי מוחל, דאָס סאַמאָוואַרל.

טאַטיאַנאַ איז כמעט דעם גאַנצן טאָג ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער וואַש־שטוב. לכתחילה האָט זי געהאַט אַ כליפּע געטאָן, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די טרערן און האָט זיך גענומען ווי פריהער פאַר דער אַרבעט. קאַפּיטאָן איז ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אין טראַקטיר מיט עפּעס אַ כמורן חבר און האָט אים אַלצדינג אויסגעדערציילט, — ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין פּיטער ביי אַ פּריץ, יענער אַ

מענש — אַ וועלט וואָלט ער אויסגענומען, האָט ער אָבער שטאַרק געקוקט אויף אָרדענונג און דערצו איז ער אַ ביסל געווען שטאַרק געכאַפּט אין דער מעשה, שטאַרק גוסטירט צום ביטערן טראָפּן, און קעגן ווייבערישקייט דאָ האָט ער אָנגעשפּאַרט אין אַלע מדרגות... דער כמורער חבר האָט אים נאָר צוגעבאָמקעט. נאָר אַז קאַפּיטאַן האָט צום סוף דערקלערט, אַז ער מוז איבער אַ סיבה זיך מאָרגן אַ מעשה אָנטאָן, האָט דער כמורער חבר באַמערקט, אַז ס'איז שוין צייט שלאָפן. און זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ברוגז און שווייגנדיג.

דעם עקאָנאָמס האָפענונגען זיינען דערווייל נישט מקויים געוואָרן, דער געדאַנק חתונה צו מאַכן קאַפּיטאַנען איז אַזוי געפעלן דער פּריצע, אַז זי האָט אפילו בייַנאַכט געהאַלטן אין איין רעדן דערפון מיט איינער אַ קאָמפּאַניאָנקע, וועלכע זי האָט געהאַלטן אין שטוב נאָר אויף אַ פאַל, ווען ס'שלאָפט זיך איר נישט; יענע פלעגט דעריבער, ווי אַ נאַכט-שמייסער, שלאָפן בייטאָג. אַז גאַווריליאַ איז צו איר אַריינגעגאַנגען נאָך דער טיי מיטן ראַפּאָרט, איז די ערשטע פראַגע אירע געווען: „וואָס הערט זיך מיט אונזער חתונה, ס'גייט?" ער, פאַרשטייט זיך, האָט געענטפערט, אַז ס'גייט, וואָס בעסער קאָן ניט זיין, און אַז קאַפּיטאַן וועט נאָך היינט קומען צו איר גענאָדי. די פּריצע איז עפּעס געווען ניט מיט אַלעמען; זי האָט זיך נישט לאַנג פאַרנומען מיט געשעפט-זאַכן. דער עקאָנאָם האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים און האָט צו-נויפגערופן אַ ראַט: מ'האָט באַדאַרפט האָבן אַ שטאַרקן ישוב. טאַטיאַנאַ האָט זיך, געוויינטליך, ניט געעקשנט. נאָר קאַפּיטאַן

האָט געשריגן, אַז ער האָט מער נישט ווי איין קאָפּ, ניט קיין צוויי — און ניט קיין דריי. גערײַסים האָט אָנגעברוגזט און שאַרף געקוקט אויף אַלעמען, איז ניט אָפּגעטראָטן פונם גאַניק פון דער מויד־שטוב. עס האָט זיך געדאַכט, ער שטויסט זיך אָן, אַז דאָ וויל מען אים עפּעס אָפּטאָן. די פאַרזאַמלטע (צווישן זיי איז געווען דער אַלטער בופּעטמייסטער מיטן צונאָמען „פּעטער כוואָסט" צו אים פלעגן זיך אַלע ווענדן מיט דרך־ארץ נאָך אַן עצה, הגם מ׳פלעגט פון אים נישט מער הערן ווי: אַזוי? יאָ, יאָ!) — האָבן פריהער פון אַלץ פאַרשפּאַרט קאַפּיטאַנען אויף יעדן פאַל, פון זיכערקייט וועגן, אין אַ קעמערל, וואו ס׳איז געשטאַנען די מאַשין צום לייטערן וואַסער, און האָבן זיך גענומען שטאַרק ישובן וועגן דער זאַך. פאַרשטייט זיך, גערײַסימען וואָלט מען געקאָנט גובר זיין מיט גוואַלט, אָבער גאָט באַהיט! — ס׳קאָן נאָך ווערן אַ געפילדער, ס׳וועט דערלאַנגען צו דער פּריצ׳ע, איז הימל עפן זיך! וואָס טוט מען? האָט מען געטראַכט און געטראַכט, ביז מ׳האָט צוגעטראַכט. מ׳האָט געוואוסט, אַז גערײַסים קאָן ניט פאַרטראָגן קיין שכּורים... זיצנדיג ביים טויער, פלעגט ער זיך אַלע מאָל אָפּקערעווען מיט עקל, ווען פאַר אים איז דורכגעגאַנגען עמיצער מלא, מיט ניט קיין זיכערע טריט און מיטן דאַשעק פאַרדויעהט; איז געבליבן איינרעדן טאַטיאַנאַן זיך פאַרשטעלן פאַר אַ שכּורער און דורכגיין פאַרביי געראַסימען געשאָקלט זיך, פאַלנדיג פון די פיס. די מויד, נעביך, האָט זיך לאַנג געעקשנט, נאָר מ׳האָט זי איבערגערעדט; זי אַליין האָט אויך איינגעזעהן, אַז אַנדערש וועט זי זיך ניט אָפּטשעפּען פון איר פאַרליבטן. קאַפּיטאָנען האָט מען

אַרויסגעלאָזט פון קעמערל: די זאַך איז דאָך פאַרט נוגע אים. גערעאַסים איז געזעסן אויף אַ קלעצל ביים טויער און געקלאַפּט מיט דער לאָפּעטע אן דער ערד… פון אַלע שפּאַלטן, פון אַלע פאַרהאַנגען האָט מען געקוקט אויף אים…

דאָס שפּיצל האָט אָפּגעגאָלטן, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. דערזעהן טאַטיאַנען, האָט ער צוערשט, ווי געוויינטליך, אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ מיט אַ פריינטליך מרוקען, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט, האָט די לאָפּעטע פון האַנט אַרויסגעלאָזט, איז אויפגעשפּרונגען, צוגעגאַנגען צו איר, האָט צוגערוקט זיין פּנים האַרט צו אירן… פאַר שרעק האָט זי נאָך שטאַרקער געגומען פאַלן פון די פיס און האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, זיך אַ יאָג געטאָן מיט איר איבערן גאַנצן הויף, איז אַריין מיט איר אין דער שטוב, וואו דער ראַט האָט אָפּגעהאַלטן זיין זיצונג, און האָט זי אַ שטופּ געטאָן גלייך צו קאַפּיטאָנען… טאַטיאַנאַ איז געבליבן אַ טויטע… געראַסים איז געשטאַנען אַ ווייל, אַ קוק געגעבן אויף איר, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ שמייכל געגעבן און איז אַוועק מיט שווערע טריט צו זיך אין קעמערל. אַ גאַנצן מעת־לעת איז ער פון דאָרט ניט אַרויסגעגאַנגען. דער פאָררייטער אַנטיפּקאַ האָט דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט דורך אַ שפּעלטעלע געזעהן, ווי געראַסים איז געזעסן אויפן בעטל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, און האָט זיך שטיל צוגעזונגען, ווי דער שטייגער, זעלטן מרוקנדיג, דאָס הייסט, ער האָט זיך געשאָקלט, די אויגן פאַרמאַכט און אַלע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ,

אַזוי ווי די שמייסעֶרס אָדעֶר בורלאַקעס, ווען זיי הויבן אָן צו זינגען זייערע טרויעֶריגעֶ לידער.

אַנטיפּקען איז געוואָרן שרעֶקליך, איז ער אַוועק פון דעם שפּעלטעלעֶ. אויף מאָרגן אָבער, אַז גערעֶאַסים איז אַרויס־געגאַנגעֶן פון זיין קעמעֶרל, האָט מען אויף אים ניט דערקאָנט קיין שטאַרקעֶ ענדערונג; ער איז נאָר געוואָרן עפּעס ווי כמורער, און האָט אויף טאַטיאַנען און קאַפּיטאָנען אַפילו קיין קוק ניט געגעבן. דעם זעלבן אָוונט זיינען זיי ביידעֶ אַוועק צו דער פּריצעֶ מיט געֶנז אונטער די אָרעמס, און אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט.

דעם טאָג פון דער חתונה האָט גערעֶאַסים מיט גאָרנישט געענדערט זיין פירונג; נאָר פונם טייך איז ער געקומען אָן וואַסער; ער האָט עפּעס אומגערן צעבראָכן אויפן וועג דאָס פעסל, און אויף ביינאַכט האָט ער אַזוי פלייסיג גערייניגט און געבערשטעלט זיין שטיבל, זיין פערד, אַז ס'האָט זיך אַזוי געטרייסלט, ווי אַ גרעֶזעלע פון ווינט, און האָט זיך איבערגעֶבויגן פון איין פוס אויף דער אַנדערער אונטער זיינעֶ אייזערנע פויסטן.

דאָס איז אַלץ געשעֶהן פריהיאָר. עס איז אַריבער נאָך אַ יאָר. פאַר דער צייט האָט זיך קאַפּיטאָן גאָר אַריינגעֶ־לאָזט אין שכרות, האָט מען אים, דעם טויגעֶנישט, אָפּגעשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט פורן אין אַ ווייטן דאָרף צוזאַמען מיט זיין ווייב. דעם טאָג פון אָפּפאָר האָט ער געהאַט לכתחילה זיך געבריהט און געטענהט, אַז שיק אים וואוהין דו ווילסט, אַפילו אַהין, וואו ווייבער וואַשן העמדער און פאַרלעֶגן די פּרעֶנטעֶס אויפן הימל, וועט ער אַלץ ניט פאַרפאַלן ווערן;

נאָר דערנאָך איז ער ביי זיך אַראָפּגעפֿאַלן, האָט גענומען זיך קלאָגן, וואָס מע פּירט אים צו מענטשן נישט קיין געבילדעטע, און צו לעצט האָט ער זיך אַזוי אָפּגעלאָזט, אַז ער האָט אַפֿילו זיין אייגן היטל ניט געקאָנט אָנטאָן, עפּעס אַ פרומע נשמה האָט אים דאָס היטל אָנגערוקט אויפן שטערן, צורעכט געמאַכט דעם דאַשעק און אויבן צוגעפּלעצט. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, און די פֿויערים האָבן שוין געהאַלטן די לייצעס אין די הענט, מ'האָט נאָר געוואַרט אויפן: „זיי געזונט", איז געראַסים אַרויסגעקומען פון זיין קעמערל, צוגעגאַנגען צו טאַטיאַנען און האָט איר געשענקט אַ „באַדיזנע", אַ רויט סיצן טיכל, וואָס ער האָט טאַקע פֿאַר איר געקויפט נאָך פֿאַראַיאָרן. טאַטיאַנאַ, וואָס ביז אַהער האָט זי מיט גרויס גלייכגילטיגקייט איבערגעטראָגן אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, זי האָט זיך צעוויינט און זיצנדיג אין וואָגן האָט זי מיט אַ קריסטליך געמיט דריי מאָל צעקושט זיך מיט געראַסימען. ער האָט געוואָלט זי אַרויסבאַגלייטן ביז דעם שלאָגבוים און זיך געווען געלאָזט גיין באַגלייך מיט איר וואָגן, נאָר פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים טייך־איבערפֿאָר, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַוועקגעלאָזט לענג־אויס דעם טייך.

דאָס איז געווען אָוונט צו. ער איז געגאַנגען שטיל און האָט געקוקט צו דעם וואַסער. פּלוצים האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עפּעס צאַפּלט אין שלאַם ביים סאַמע ברעג. ער האָט זיך אָנגעבויגן און דערזעהן אַ קליין הינטל, אַ ווייס מיט שוואַרצע פלעקן, וואָס האָט זיך געבאָרעט, געמאַטערט און דאָך נישט געקאָנט אַרויסקריכן פונם וואַסער. דאָס הינטל

האָט זיך געוואָרפן, געגליטשט זיך און געציטערט מיט אַלע נאַסע מאָגערע גלידער.

גערשאַסים האָט אַ קוק געגעבן אויפן הינטל, נעביך, האָט דאָס אונטערגעכאַפּט מיט זיין האַנט, פאַרשטעקט צו זיך אין בוזעם און איז אַוועק מיט ברייטע שפּאַן אַהיים. ער איז אַריין צו זיך אין קעמערל, האָט אַוועקגעלעגט דאָס געראַ־טעוועטע הינטל אויף דער בעט, צוגעדעקט דאָס מיט זיין שווערן קאַפּטן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט פריהער אין שטאַל נאָך שטרוי, דערנאָך אין קיך אַריין נאָך אַ טעצעלע מילך; פאָרזיכטיג האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּטן, אויסגעבעט די שטרוי און אַוועקגעשטעלט די מילך אויפן בעט. דאָס הינטל איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ וואָכן דריי, — נישט לאַנג, אַז דאָס האָט די אויגן געעפנט, איין אויגל האָט אויסגעזעהן אַ ביסל גרעסער פאַרן צווייטן; ס'האָט נאָך ניט געקאָנט טרינקען פון טעצעלע און געהאַלטן אין איין טרייסלען זיך און זשמורען מיט די אויגן. גערשאַסים האָט דאָס פּאַמעליך אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאַרן קעפּל און צוגעבויגן דאָס פיסקל צו דער מילך, דאָס הינטל האָט מיט־אַמאָל אָנגעהויבן דאָרשטיג טרינקען, האָט געפּאָרסקעט, זיך געטרייסלט און פאַרכלינעט. גערשאַסים האָט געקוקט און געקוקט און פלוצים אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער... אַ גאַנצע נאַכט האָט ער מיט דעם צו טון, האָט אים איבערגעבעט און דאָס געווישט, צום סוף אַליין אַנטשלאָפן געוואָרן נעבן דעם — עפּעס אַ ליכטיגן, שטילן שלאָף.

קיין מאַמע האָט נישט אַזוי געצערטלט איר אַ קינד, ווי גערשאַסים זיין הינטל. (דאָס הינטל האָט זיך אַרויסגעוויזן

איז געווען אַ צויג). די ערשטע צייט איז דאָס הינטל גע־
ווען זעהר שוואַך, קרענקליך און ניט שען; ביסלאַכווייז אָבער
האָט עס זיך געשטאַרקט און איז אונטערגעוואַקסן, איז דאָס
אין אַ חדשים אַכט אַרום, אַדאַנק גראַסימס שטענדיגער
השגחה, געוואָרן זעהר אַ וואויל שפּאַניש הינטל מיט לאַנגע
אויערן, מיט אַ פּאָכיגן עק, ווי אַ טרומייט און מיט גרויסע
קלוגע אויגן. דאָס הינטל האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו
גראַסימען און איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ טראָט;
ס'איז אים כּסדר נאָכגעגאַנגען, דרעהענדיג מיטן עק. ער
האָט דעם אויך אַ צונעמעניש געגעבן — שטומע ווייסן, אַז
צו זייער מרוקען הערט מען זיך צו — ער האָט דעם אַ נאָמען
„מומו".

אַלע שטוב־מענשן האָבן דאָס ליב געקראָגן און אויך
גערופן מומוניע. ס'איז געווען שטאַרק קלוג, האָט זיך צו
אַלעמען געלאַשטשעט, אָבער ליב געהאַט האָט עס נאָר גע־
ראַסימען.

גראַסים אַליין האָט דאָס אויך זעהר ליב געהאַט...
און אים איז געווען ניט צום האַרצן, ווען עמיצער אַנדערש
האָט עס געגלעט: צי האָט ער געציטערט איבער דעם, אָדער
האָט ניט פאַרגינען יענעם — גאָט ווייסט! נאָר גאָט אַליין!
דאָס הינטל האָט אים געוועקט יעדן פריהמאָרגן, צופּנדיג
אים פאַר דער פּאָלע, פלעגט אים ברענגען צו פירן פאַר
דער צוים די אַלטע וואַסערפירערין (מיט איר איז דאָס הינטל
געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט), פלעגט זיך אַוועקלאָזן מיט
חשיבות מיט אים אינאיינעם צום טייך, האָט געהיט דעם
בעזים מיט דער לאָפּעטע, קיינעם ניט צוגעלאָזט צו דעם

קעמערל. עֶר האָט אומיסטן אויסגעשניטן פאַר דעֶם אַ לאָך
אין זיין טיר, און דאָס הינטל האָט ווי געפּיהלט, אַז נאָר ביי
גערעַסימעֶן אין קעמערל איז דאָס געוועֶן דעֶר גאַנצער בעל־
הבית, און דעריבער פלעֶגט עס, תיכף ווי ס׳פלעגט אַריינ־
קומען אַהין, צופרידן אַרויפשפּרינגען אויפן בעט. ביינאַכט
פלעֶגט עס כלל ניט שלאָפן, אָבעֶר ס׳האָט ניט געבילט סתם
אין דעֶר וועלט אַריין, ווי אַן אַנדער נאַרישער הויפהונט, וואָס
זעצט זיך צו אויף די הינטערשטע לאַפּעס, פאַררייסט די
מאָרדע, פאַרזשמורעט די אויגן און בילט פשוט פון לאַנג־
ווייליגקייט, אַזוי זיך, אויף די שטערן, און, געוויינטליך, דריי
מאָל נאָכאַנאַנד — ניין, מומוס דין קול האָט זיך קיינמאָל
ניט געלאָזט הערן אומזיסט: אָדער אַ פרעמדער איז נאָהענט
צוגעקומען צום פאַרקן, אָדעֶר ערגעץ וואו האָט זיך אויפ־
געהויבן אַ חשדיגער גערויש, צי אַ שאָרך... אַ כלל, עֶר האָט
אויסגעצייכנט געהיט. אמת, אויסער דעֶם איז נאָך געוועֶן
אויפן הויף אַן אַלטער כלב פון אַ געלער מראה מיט שוואַרץ־
ברוינע שפּרענקעלאַך, וואָלטשאָק האָט עֶר געהייסן, נאָר יענעם
פלעֶגט מען קיינמאָל, אפילו ביינאַכט, נישט אָפּלאָזן פון דעֶר
קייט, און עֶר אַליין האָט איבער שטאָק־אַלטקייט אויך ניט
געמאָנט קיין פריי — איז זיך געלעֶגן צונויפגעקנוילט אין זיין
לאָך און נאָר זעלטן ווען פלעֶגט עֶר אַרויסלאָזן אַ הייזעריגן
ביל, כמעט ניט צו דערהעֶרן, און באַלד אויפהעֶרן, פונקט עֶר
אַליין וואָלט פיהלן, אַז ס׳איז גאָר איבעריג. אין דעֶר פריצעס
הויז פלעֶגט זיך מומו נישט ווייזן, און ווען געראַסים פלעֶגט
טראָגן האָלץ אין די שטיבער אַריין, איז מומו שטענדיג גע־
בליבן הינטן און אומגעדולדיג געוואַרט אויף אים ביים גאַניק,

אָנגעשפּיצט די אויערן און געדרעהט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס ביי דעם קלענסטן קלאַפּ פון יענער זייט טירי.

אַזוי איז אַריבער נאָך אַ יאָרי גערעסים האָט זיי געטאָן זיין אַרבעט אין הויף און איז זעהר צופרידן געוועזן מיט זיין מזלי מיט־אַמאָל האָט זיך געטראָפן אַ סבה: איין שענעם זומער־טאָג, איז די פריצע אַרומגעגאַנגען איבער דעם גאַסטצימער מיט אירע קעסטפּרויען, זי איז געוועזן גוט געשטימט, האָט געלאַכט און געוואָרטלט זיך; די קעסטפּרויען האָבן אויך געלאַכט און געוואָרטלט זיך, נאָר שטאַרק פרעהליך זיינען זיי נישט געוועזן; אין שטוב האָט מען נישט שטאַרק ליב געהאַט, ווען אויף דער פריצע איז אָנגעקומען אַ פרעהליכע שעה: ערשטנס פלעגט זי דעמאָלט פּאָדערן, אַז אַלע זאָלן באַלד פרעהליך ווערן, און איז ברוגז געוועזן, ווען עמיצנס פּנים האָט נישט געשיינט פאַר פרייד; צווייטנס, פלעגן די דאָזיגע פּלוצימדיגע בליצן פרייד ניט לאַנג געדויערן און פלעגן געוועהנליך אַריבער אין אַ פינסטערער און זויערער שטימונג. יענעם טאָג איז זי עפּעס גליקליך אויפגעשטאַנען; אויף די קאָרטן איז איר אויסגעפאַלן פיר אויבערס, אַ סימן, אַז איר וואונש וועט מקויים ווערן (זי פלעגט שטענדיג אין דער פריה וואַרפן קאָרטן) — און די טיי האָט זיך איר אויסגעוויזן אויסערסט געשמאַק, דערפאַר האָט די שטובמויד באַקומען אַ דאַנק מיט אַ גריוונעי. די פריצע האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די צעקנייטשטע ליפּן איבער דעם גאַסטצימער און איז צו צום פענסטער. פאַרן פענסטער איז געוועזן פאַרפלאַנצט אַ גערטל, און אויף דער

סאַמע מיטעלסטער בייט, אונטערן רויזן־שטאָק, איז געלעגן מומו און האָט פלייסיג געריזעט אַ ביין. די פריצע האָט דערזעהן דאָס הינטל.

— גאָט מיינער! — האָט זי פלוצים אויסגעשריגן: — וואָס איז דאָס פאַר אַ הונט?

די קעסטפרוי, וואָס די פריצע האָט זיך געווענדעט צו איר, איז נעביך, צעטומלט געוואָרן און דערפיהלט אַנגסטן פון אַ מענשן, וואָס איז ביי יענעם אין די הענט, ווען ער ווייסט נאָך ניט רעכט, וואָס באַטייט דעם באַפעלערס אויס־געשריי.

— כ'ווייס נישט, — האָט זי אַ מורמל געטאָן, — דאַכט זיך דעם שטומענס.

— גאָט מיינער! — האָט די פריצע איר איבערגע־שלאָגן: — דאָס איז דאָך אַזאַ שעֶן הינטל! הייסט דאָס אַריינברענגען. שוין לאַנג איז דאָס ביי אים? פאַרוואָס זשע האָב איך דאָס ביז אַהער נישט געזעהן? הייסט עס אַריינ־ברענגען.

די קעסטפרוי איז תּיכּף אַרויסגעפלויגן אין פאָרהויז אַריין.

— משרת, משרת! — האָט זי זיך צעשריגן — ברענגט אַריין וואָס גיכער מומון! ס'איז אין גערטל.

— אַ, ס'הייסט מומו! — האָט די פריצע אַ זאָג געטאָן, — זעהר אַ שעֶנער נאָמען.

— אָ, זעהר אַ שענער — האָט די קעסטפרוי אָפּ־געענטפערט.

— סטעפּאַן, גיכער!

סטעפאַן, אַ געזונטער יונג, וואָס האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ לאַקיי, האָט זיך אַ לאָז געטאָן העגדום־פּעגדום אין גערטל אַריין, אַ כאַפּ טון מומון, דער הונט אָבער האָט זיך געשיקט אויסגעדרעהט פון זיינע הענט, האָט פאַרריסן דעם עק און איז אַוועק ווי פייל פון בויגן צו גראַסימען, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעקלאַפּט און אויסגעטרייסלט ביי דער קיך די פאַס, און געדרעהט זי אין די הענט, ווי אַ קינדערש פייקל. סטעפּאַן איז אים נאָכגעלאָפן און גענומען כאַפּן סאַמע ביים בעל־הביתס פיס. אָבער דער פריטקער הונט האָט זיך נישט געלאָזט, איז געשפּרונגען און זיך אויסגעדרעהט. געראַסים האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף דעם דאָזיגן געיעג. צולעצט האָט זיך סטעפּאַן מיט פאַרדראָס אויפגעהויבן און אויף גיך דערקלערט גראַסימען אויפן וואונק, אַז די פריצע, הייסט עס, פאָדערט דאָס הינטל צו זיך. געראַסים האָט זיך אַ ביסל פאַרחידושט, פונדעסטוועגן האָט ער צו־גערופן מומון, אויפגעהויבן דעם הונט פון דער ערד און איבערגעגעבן סטעפּאַנען. סטעפּאַן האָט אים געבראַכט צו טראָגן אין גאַסטצימער אַריין און אַוועקגעשטעלט אויפן פּאַר־קעט. די פריצע האָט גענומען רופן דעם הונט מיט אַ פריינטליך קול צו זיך. מומו, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין אַזוינע רייכע צימערן, האָט זיך זעהר דערשראָקן און זיך געוועזן אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, נאָר אָפּגעשטופּט פון סטעפּאַנען, האָט ער אָנגעהויבן צו ציטערן און זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט.

— מומו, מומו, קום נאָר אַהער צו מיר, גיי צו צו דער פריצע, — האָט די בעל־הביתטע געזאָגט, — קום אַהער, נאַרעלע... האָב קיין מורא ניט...

— גיי צו, גיי צו, מומו, צו דער פּריצע, — האָבן די קעסטפּרויען נאָכגעזאָגט, — גיי צו!

מומו אָבער האָט מיט אַנגסטן זיך אַרומגעקוקט און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— ברענגט אים עפּעס עסן — האָט די פּריצע געזאָגט: ס'אַראַ נאַרישער הונט דאָס איז! ער גייט נישט צו דער פּריצע, וואָס האָט ער מורא?

— זיי זיינען נאָך נישט צוגעוועהנט געוואָרן — האָט איינע אַ קעסטפּרוי אַ זאָג געטאָן זיס־שעמעוודיג.

סטעפּאַן האָט געבראַכט אַ שאָל מילך, אַוועקגעשטעלט פאַר מומון, נאָר מומו האָט אפילו אַ שמעק נישט געטאָן די מילך, האָט אַלץ געציטערט און זיך אַרומגעקוקט, ווי פריהער.

— אַך ס'אַראַ מין דו ביסט! — האָט די פּריצע געזאָגט איז צו צו אים, האָט זיך אָנגעבויגן און געוואָלט אים אַ גלעט טון; נאָר מומו האָט קראַמפּיג אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אויסגשטשערעט די ציין. — די פּריצע האָט פלינק צוגעכאַפּט די האַנט.

ס'איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. מומו האָט אַ שוואַכן קוויטש געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט און פאַרענטפערט זיך... די פּריצע איז אָפּ און האָט זיך אָנגעברוגזט, זי האָט זיך איבערגעשראָקן פאַרן הונט.

אַך! — האָבן אַלע קעסטפּרויען מיט אַמאָל אויסגעשריגן: —האָט ער אייך, חלילה, ניט קיין ביס געטאָן? (מומו האָט זיך קיינמאָל ניט געביסן) — אַך, אַך!

— זאָל מען אים אַרויסטראָגן פון דאַנען, — האָט די פּריצע אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרענדערט קול, — אַ מיאוס הינטל! אַ מין בייזס!

זי האָט זיך פּאַמעליך אויסגעקערעוועט און געלאָזט זיך גיין צו זיך אין קאַבינעט אַריין. די קעסטפּרויען האָבן באַאומרוהיגט זיך איבערגעקוקט, האָבן געוועזן געלאָזט זיך איר נאָכגיין, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט קאַלט אַ קוק געטאָן אויף זיי און געזאָגט: "צו וואָס? איך רוף דאָך אייך נישט", — און איז אַוועק.

די קעסטפּרויען האָבן פאַרצווייפלט גענומען מאַכן מיט די הענט אויף סטעפּאַנען; יענער האָט אַ כאַפּ געטאָן מומון און אים באַלד אַרויסגעוואָרפן פון יענער זייט טיר גלייך צו געראַסימס פיס, — אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט שוין אין שטוב געהערשט אַ טיפע שטילקייט, און די אַלטע פּריצע איז געזעסן אויף איר סאָפע פינסטערער פאַר דער שוואַרצער כמאַרע.

וואָס פאַר אַ קלייניגקייטן קאָנען אַמאָל צערודערן אַ מענטשן.

ביז סאַמע אָוונט איז די פּריצע געווען שלעכט געשטימט, האָט מיט קיינעם אַ וואָרט נישט גערעדט, האָט נישט גע־שפּילט אין קאָרטן און איז שלעכט געשלאָפן די נאַכט. איז איר איינגעפאַלן, מ׳האָט איר געגעבן ניט דעם אָדעקאָלאָן, וואָס אַלע מאָל, די קישן אירע שמעקן מיט זייף, און זי האָט געהייסן דער קאַסטעלאַנשע איבערשווענקען די גאַנצע וועש, — אַ כלל, זי איז אויפגערעגט געווען און האָט זיך

זעהר „געקאָכט״. אויף מאָרגן האָט זי געהייסן אַריינרופן גאָורילאַן מיט אַ שעה פריהער, ווי געוועהנליך.

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, — האָט זי אָנגעהויבן, ווי נאָר יענער האָט, ניט אָן מורא, אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון איר קאַבינעט: — וואָס פאַר אַ הונט האָט עס ביי אונז אין הויף געבילט אַ גאַנצע נאַכט? ער האָט מיך ניט געלאָזט אַן אויג צומאַכן?

— אַ הונט... וואָסערער... אפשר דעם שטומענס הונט— האָט ער אַרויסגערעדט ניט גאָר מיט אַ פעסטער שטים.

— איך ווייס נישט, דעם שטומענס, צי עמיצנס אַנדערס, נאָר ער האָט מיך ניט געלאָזט שלאָפן, און בכלל וואונדערט מיך, צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל הינט! כ'וואָלט עס וועלן וויסן. ביי אונז איז דאָך פאַראַן אַ הונט אין הויף?

— ווי דען, ס'פאַראַן, וואָלטשאָק.

— נו, וואָס זשע נאָך, צו וואָס דאַרפן מיר האָבן נאָך אַ הונט? גלאַט הינט! ס'איז קיין בעל־הבית ניטאָ אין שטוב, אַזוי איז דאָס. צו וואָס דאַרף דער שטומער אַ הונט? ווער האָט עס אים דערלויבט, געלאָזט האַלטן הונט ביי מיר אויפן הויף? נעכטן גיי איך צו צום פענסטער, איך זעה, דער הונט ליגט אין גערטל, ריזעט עפעס אַ נבלה, און ביי מיר זיינען דאָרטן רויזן פאַרזעצט...

די פריצע האָט אַ ביסל צוגעשוויגן.

— נאָך היינט זאָל ער דאָ מער נישט זיין... הערסט?

— איך הער.

— טאַקע נאָך היינט. און איצט גיי, צום ראַפּאָרט וועל איך דיך שפּעטער רופן.

גאָווריללאַ איז אַרויס.

דורכגעגאַנגעז דעם גאַסטצימער, האָט דער עקאָנאָם לשם אָרדענונג, איבערגעשטעלט דאָס גלעקל פון איין טיש אויפן צווייטן, האָט שטילערהייט אויסגעשנייצט אין זאַל זיין קאַטשקע־נאָז, און איז אַרויסגעגאַנגען אין פאָרהויז. אין פאָרהויז אויף אַ שלאָפבאַנק איז געשלאָפן סטעפּאַן מעשה דערהרגעטער סאָלדאַט אויף אַ מלחמה־בילד, קראַמפיג אויס־געצויגן די הוילע פיס פון הינטערן סורדוט, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ צודעק. דער עקאָנאָם האָט אים אויפגעוועקט און שטילערהייט אים איבערגעגעבן עפּעס אַ באַפעל. סטעפּאַן האָט געענטפערט האַלב אַ געניץ, האַלב אַ גערעכטער. דער עקאָנאָם איז אַוועקגעגאַנגען, און סטעפּאַן איז אויפגעשפרונ־גען, האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך דעם קאַפטן און די שטיוול, איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים גאַניק. עס זיינען נישט אַריבער קיין פינף מינוט, און גראַסים האָט זיך באַוויזן מיט אַ גוואַלדיג גרויסן בינט האָלץ אויף דער פּלייצע, באַגלייט פון מומו, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים. (די פּריצע האָט געהייסן הייצן איר שלאָפצימער און קאַבינעט אפילו זומער). גראַסים האָט זיך געשטעלט מיט דער זייט פאַר דער טיר, האָט זי אַ שטופּ געטאָן מיטן אַקסל, און זיך אַריינגעוואַלגערט אין שטוב אַריין מיט זיין משא. מומו איז, ווי געוועהנליך, געבליבן וואַרטן אויף אים.

דעמאָלט האָט סטעפּאַן אויסגעוואַרט אַ גינסטיגע מינוט, האָט זיך פּלוצים אַ וואָרף געטון אויפן הונט, ווי אַ זשוליק אויף אַ הינדל, האָט אים צוגעדריקט מיט דער ברוסט צו דער ערד, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און איז אָן אַ

היטל אפילו אַרויסגעלאָפן פון הויף, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם ערשטן פורל, וואָס איז אים געקומען פאַר די אויגן און איז אַוועק אין אָכאָטנע ריאַד.

דאָרט האָט ער גיך אָפּגעזוכט אַ קונה און פאַרקויפט אים דעם הונט פאַר אַ האַלב רובל, נאָר בתּנאַי, ער זאָל דאָס האַלטן צום קאַרגסטן אַ וואָך אויף אַ שטריקל, און האָט זיך תּיכף אומגעקערט; ניט דערפאָרן צום הויז, איז ער אַראָפּ פון דעם פורל, איז אַרום דעם הויף פון אַ הינטער־געסל, אַריבערגעשפרונגען איבערן פּאַרקן אין הויף אַריין; דורך דעם טירל האָט ער מורא געהאַט אַריינגיין, טאָמער וועט ער באַגעגענען געראַסימען.

איבעריגנס איז זיין זאָרג געווען אומזיסט; געראַסים איז שוין נישט געווען אין הויף. ווי ער איז אַרויסגעקומען פון שטוב, האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז מומו איז נישטאָ; ער האָט ניט געדענקט נאָך אַזאַ פאַל, אַז מומו זאָל ניט וואַרטן ביז ער וועט זיך אומקערן, ער האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן זוכן אים, רופן אים אויף זיין שטייגער... האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיך אין קעמערל, אויפן היי־בוידים, איז אַרויס אויף דער גאַס, — אַהין־אַהער... פאַרפאַלן געוואָרן! ער האָט זיך געווענדעט צו מענטשן, מיט די פאַרצווייפלסטע צייכנס זיך נאָכגעפרעגט ביי זיי אויף אים, געוויזן אַ האַלב אַרשין הויך פון דער ערד, געמאָלט אים מיט די הענט... אייניגע האָבן טאַקע נישט געוואוסט, וואוהין איז מומו אַהינגעקומען און האָבן נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט, אַנדערע האָבן יאָ געוואוסט, און געשוויגן און צוגעשמייכלט, דער עקאָנאָם האָט געמאַכט זייער אַן ערנסט פּנים און געגומען

שרייען אויף די שמייסערס. דעמאָלט איז גרעאַסים אַוועק־געלאָפן פון הויף אַרויס.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק. נאָך זיין אויסגעמאַטערט אויסזעהן, נאָך דעם אומזיכערן גאַנג, נאָך די פאַרשטויבטע בגדים נאָך, האָט מען געקאָנט רעכענען, אַז ער האָט באַוויזן אויסצולויפן האַלב מאָסקווע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פּריצישע פענ־סטער, האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן גאַניק, וואו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ מאַן זיבן הויפדינערס, האָט זיך אָפּגעקערעוועט און נאָכאַמאָל אַרויסגעמרוקעט: „מומו"! — מומו האָט זיך נישט אָפּגערופן. ער איז אַוועק פון דאָרט. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט, נאָר קיינער האָט קיין שמייכל נישט געטאָן, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

דער נייגעריגער פאָררייטער אַנטיפּקאַ האָט אויף מאָרג דערציילט אין קיך, אַז דער שטומער זאָל האָבן געקרעכצט אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן האָט זיך גרעאַסים נישט באַוויזן אַ גאַנצן טאָג אויף זיין אָרט, האָט דער שמייסער געמוזט פאָרן נאָך וואַסער און געבליבן שטאַרק אומצופרידן דערפון. די פּריצע האָט געפרעגט גאַווריליאַן, צי מ'האָט געטאָן איר באַפעל. גאַווריליאַ האָט געענטפערט, אַז יאָ. אויפן צווייטן פריה־מאָרגן איז גרעאַסים אַרויסגעגאַנגען פון זיין קעמערל אויף דער אַרבעט. צום מיטאָג איז ער געקומען, האָט אָפּגעגעסן און איז ווידער אַוועק, ניט געגריסט זיך מיט קיינעם. זיין פּנים, וואָס איז אַזוי אויך געווען טויט, אַזוי ווי ביי אַלע טויבשטומע, איז איצט עפּעס ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. נאָך

מיטאָג איז ער נאָכאַמאָל אַוועק פון הויף, אָבער נישט אויף לאַנג. האָט זיך אומגעקערט און איז באַלד אַרויף אויפן הייבוידים. ס׳איז געוואָרן אַ לבנהדיגע לויטערע נאַכט. גערא־סים איז געלעגן און געזיפצט שווער, און זיך אַלץ געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער. פלוצים האָט ער דערפיהלט, פונקט ווי ס׳וואָלט אים געצופט פאַר דער פאָלע; ער איז אינגאַנצן פאַרציטערט געוואָרן, דאָך האָט ער דעם קאָפ ניט אויפגעהויבן, אפילו די אויגן פאַרזשמורעט... ווידער אַ ציה, נאָך שטאַרקער, ווי פריהער, ער איז אויפגעשפרונגען... פאַר אים האָט זיך געדרעהט מומו מיט אַ שטריקל אויפן האַלז. אַן אוסגעצויגענער פריידגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין שטומער ברוסט; ער האָט אַרומגעכאַפּט מומו, אים שטאַרק צוגעדריקט אין זיינע אָרעמס; מומו האָט אים אין איין מינוט אַרומגעלעקט די נאָז, די אויגן, די וואָנסן, די באָרד. ער איז געשטאַנען, געטראַכט אַ ווײַלע, איז פאָרזיכטיג אַראָפּגעקראָכן פונם הייבוידים, האָט זיך אַרומגעקוקט און, ווי ער איבערגעצייגט, אַז קיינער וועט אים ניט זעהן, האָט ער זיך בשלום דורכגעשלייכט צו זיך אין קעמערל. געראַסים האָט זיך נאָך פריהער אָנגעשטויסן, אַז דער הונט איז פאַרפאַלן געוואָרן ניט פון זיך אַליין, אַז מסתּמא האָט מען אים אַוועקגעפירט אויף דער פריצעס באַפעל. די הויפמענשן האָבן אים מיט צייכנס געגעבן צו פאַרשטיין, ווי מומו האָט קעגן איר די ציין אויסגעשטשערעט. — און ער האָט באַשלאָסן צו טון זיינע מיטלען. פריהער האָט ער אָנגעהאָדעוועט מומו מיט ברויט, האָט אים אַרומגעגלעט און געלעגט שלאָפן; דערנאָך האָט ער גענומען קלערן... די גאַנצע נאַכט איז ער

נישט געשלאָפֿן און האָט געקלערט, ווי אַזוי אים בעסער צו באַהאַלטן. צולעצט האָט ער צוגעקלערט האַלטן דעם הונט אַ גאַנצן טאָג אין קעמערל און נאָר זעלטן קומען צו אים געוואויר ווערן, און אַרויספֿירן נאָר ביינאַכט.

די לאָך אין דער טיר האָט ער פֿעסט פֿאַרשטעקט מיט זיין אַלטן קאַפּטן און כּאור איז ער שוין געווען אין הויף, גלייך ווי ס'האָט גאָרנישט געטראָפֿן. געמאַכט אפֿילו אַן אומעטיק פּנים, ווי פֿריהער (אַ נאַאיווער אָנשטעל!). דעם טויבן, נעביך, האָט גאָרניט געקאָנט איינפֿאַלן, אַז מומו וועט אַריינפֿאַלן מיט זיין אייגן קוויטשען, אָבער אין שטוב האָבן זיך אינגיכן אַלע דערוואוסט, אַז דעם שטומענס הונט איז צוריקגעקומען און זיצט ביי אים פֿאַרשפּאַרט. נאָר פֿון מיט־לייד צו אים און צום הונט, און אַ ביסל אפֿילו אויך פֿון מורא פֿאַר אים, האָבן זיי אים ניט געגעבן צו פֿיהלן, אַז זיי זיינען געוואויר געוואָרן פֿון זיין סוד. דער איינער עקאָ־נאָם האָט זיך אַ קראַץ געטאָן, האָט אָבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „נו, הייסט עס, זאָל זיין אַזוי! אפֿשר וועט דאָס צו דער פּריצע ניט דערגיין". דערפֿאַר האָט זיך דער שטומער קיינמאָל נישט געפֿלייסט אַזוי, ווי דעם טאָג; ער האָט אויסגערייניגט און אָפּגעשאָבן דעם גאַנצן הויף, אויס־געקערט אַלע גרעזעלאַך ביז איינס, אַליין מיט זיינע הענט אַרויסגעשלעפּט אַלע פּלעקער פֿון דעם גערטל, כּדי זיך איי־בערצייגן, צי זיינען זיי גענוג פֿעסט, און האָט טאַקע אַליין זיי אַריינגעשטופּט. אַ כּלל, ס'האָט זיך געאַרבעט און געטאָן, אַז די פּריצע אפֿילו האָט באַמערקט זיין פֿלייס. איבערן טאָג האָט זיך געראַסים אַ פּאָר מאָל אַריינגעכאַפּט בגנבֿה אין זיין

פֿאַרשפּאַרטן קעמערל און אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט ער זיך געלעגט שלאָפֿן אינאיינעם מיטן הינטל אין קעמערל, און נישט אויפֿן הייבוידים. און נאָר אַרום צוויי אַזייגער איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אים אַ ביסל שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט. ער איז מיט אים אַרומגעגאַנגען גאַנץ לאַנג איבערן הויף, האָט זיך שוין געקליבן אומקערן צוריק, אַז פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ גערויש הינטערן פּלויט פֿונם הינטערגעסל. מומו האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, אַ פּישטשע געטאָן, איז צו צום פּלויט, האָט אַ שמעק געטאָן, און אויסגעבראָכן מיט אַ הויך הילכיק בילן: עפּעס איינעם אַ שכּור איז איינגעפֿאַלן זיך זוכן דאָרט נאַכטלעגער.

די פּריצע האָט גראָד אָנגעהויבן נאָר וואָס איינדרימלען נאָך אַ לאַנגער נערוון־ספּאַזמע. אַזוינע טספּאַזמעס פֿלעגן זיך איר שטענדיק צוואוואַרפֿן נאָך אַ צו זאַטער וועטשערע. מומוס בילן האָט זי אויפֿגעוועקט; דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן און איז פֿאַרחלשט געוואָרן. "מוידן, מוידן! — האָט זי אָנגעהויבן קרעכצן — מוידן!" די איבערגעשראָקענע מוידן זיינען אַריין צו איר אין שלאָפֿשטוב. "אַך, איך שטאַרב!" — האָט זי אַרויסגערעדט, צעוואַרפֿן מיט אַנגסט די הענט. — ווידער־אַמאָל דער הונט!.. אָך... שיקט נאָך דעם דאָקטאָר. זיי ווילן מיך אומברענגען... דער הונט, ווידער דער הונט! אַך! — און זי האָט פֿאַרוואָרפֿן מיטן קאָפּ. דאָס האָט געקאָנט באַטייטן, זי חלשט. מ'איז אַוועקגעלאָפֿן נאָכן דאָקטאָר, דאָס הייסט, נאָכן שטוב־רופֿא כאַריטאָנען. כאַריטאָנס גאַנצער קונץ איז געווען, וואָס ער האָט געטראָגן שטיוול מיט ווייכע זוילן, האָט געקאָנט איידל אָננעמען פֿאַרן דופּק, איז געשלאָפֿן

פערצעהן שעה אין טאָג, די איבעריגע צייט געהאַלטן אין איין זיפצן און האָט ניט אויפגעהערט מכבד צו זיין די פריצע מיט לאַבערקאַרשן טראָפּן. אָט דער דאָזיגער רופא איז באַלד געקומען צו לויפן, האָט אויסגערויכערט די שטוב מיט געברענטע פעדערן און, אַז די פריצע האָט געעפנט די אויגן, האָט ער איר תיכף צוגעטראָגן אויף אַ זילבערן טעצל דאָס אייביגע גלעזעלע טראָפּן. די פריצע האָט עס אויס־געטרונקען און זיך באַלד גענומען קלאָגן מיט אַ וויינענדיג קול אויפן הונט, אויף גאַווארילאַן, אויף איר מזל. אַלע האָבן פאַרלאָזט זי, אַן עלנדע אַלטע פרוי, קיינער האָט אויף איר קיין רחמנות ניט, אַלע קוקן אַרויס, זי זאָל שטאַרבן. דער־ווייל האָט דער אומגליקליכער מומו נאָך אַלץ געבילט, וויפיל געראַסים האָט זיך ניט געמיהט אים אָפּצורופן פון פלויט. „אָט... ווידער־אַמאָל"!—האָט די פריצע געשטאַמלט און נאָך־אַמאָל פאַרגלייזט די אויגן. דער רופא האָט עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן דער מויד, יענע האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אין פאָרהויז, האָט אויפגעוועקט סטעפּאַנען; ער איז אַוועק אויפ־וועקן גאַווארילאַן, און גאַווארילאַ האָט פון גרויס צערודערטקייט געהייסן אויפוועקן די גאַנצע שטוב.

געראַסים האָט זיך אומגעדרעהט, דערזעהן פייערלאַך און שאָטנס אין די פענסטער. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ס'האָט זיך געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן מומו אונטער דער פאַכווע, איז אַריין אין קעמערל און האָט זיך פאַרשפאַרט. אין עטליכע מינוט אַרום האָבן פינף מאַן גענומען רייסן די טיר, נאָר דערזעהן דעם ווידער־שטאַנד פונם פאַררוקער, האָבן זיי אויפגעהערט. גאַווארילאַ

איז געקומען צו לויפן גאַנץ פאַרסאָפּעט און געהייסן אַלעמען בלייבן דאָ ביז אין דער פריה און היטן, און אַליין איז ער דערנאָך אַוועקגעלאָפן אין דער מויד־שטוב און האָט דורך דער עלטערער קאָמפּאַניאָנקע ליובאָוו ליובימאָוונאַ געהייסן איבערגעבן דער פּריצע, אַז, צום אומגליק, איז דער הונט ווידער געקומען צו לויפן פון ערגעץ, נאָר מאָרגן נאָך וועט ער שוין ניט זיין קיין לעבעדיגער, און זאָל די פּריצע זיין אַזוי גוט זיך ניט ערגערן און זיין רוהיג.

ביי דער פּריצע וואָלט ער דאָס ניט געפּועלט אַזוי גיך, האָט אָבער דער רופא אין איילעניש אַריינגעטריפט גאַנצע פערציג טראָפּן, אָנשטאָט צוואַנציג. די שטאַרקע טראָפּן האָבן געווירקט — אין אַ פערטל שעה אַרום איז שוין די פּריצע געשלאָפן געשמאַק און רוהיג.

געראַסים אָבער איז געלעגן טויט בלאַס אויף זיין בעטל און האָט שטאַרק צוגעהאַלטן מומו ביים מויל.

אויף מאָרגן האָט זיך די פּריצע אויפגעכאַפּט גאַנץ שפּעט, גאַווריליאַ האָט געוואַרט אויף איר אויפשטיין — ער זאָל קאָנען הייסן זיך נעמען ערנסט פאַר געראַסימס קאַמער, און אַליין האָט ער זיך געגרייט אויסצושטיין אַ גרויסן שטורעם. אָבער קיין שטורעם איז גישט געווען: ליגנדיג אין בעט האָט די פּריצע געהייסן אַריינרופן צו זיך די עלטסטע קעסטפרוי.

— ליובאָוו ליובימאָוונאַ, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ שטיל שוואַך קול, זי האָט צומאָל ליב געהאַט זיך מאַכן פאַר אַ געערודפטע פאַריתומט נעביכל; אין אַזאַ פאַל איז, פאַרשטייט זיך, אַלעמען געוואָרן שווער צו געמיט: — ליובאָוו ליובימאָוונאַ, איר זעהט ווי איך האַלט, גייט, נשמה מיינע

צו גאַווריל‌אַ אַנדרייאיטשן, רעדט מיט אים איבער: צי דען איז אים עפּעס כ׳ווייס וואָס פאַר אַ הינטל טייערער פאַר דער רוה, פאַר דעם לעבן אפילו פון זיין פּריצע! איך וואָלט ניט געוואָלט אַזוינס גלויבן, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַן אויס־דרוק פון אַ טיף געפיהל: — גייט, נשמה מיינע, זייט אַזוי גוט, גייט זיך דורך צו גאַווריל‌אַ אַנדרייאיטשן.

ליובאָוו ליובימאָוונאַ איז אַוועקגעגאַנגען צו גאַווריל‌אַן אין שטוב. וואָס זיי האָבן געשמועסט, ווייסט מען ניט, נאָר אין אַ ווייל‌ע אַרום האָט אַ גאַנצער המון מענשן זיך גערוקט איבערן הויף צו געראַסימס קעמערל צו: אויף פריהער איז געגאַנגען גאַווריל‌אַ, צוהאַלטנדיג מיט דער האַנט דאָס היטל, הגם קיין ווינט איז נישט געוועזן; נעבן אים זיינען געגאַנגען די לאָקייען און די קעכער; פון פענסטער האָט אַרויסגעקוקט דער פעטער כוואָסט און האָט געקאָמאַנדעוועט, דאָס הייסט, ער האָט נאָר אַזוי געמאַכט מיט די הענט; הינטער אַלעמען זיינען געשפּרונגען און זיך נאַריש געמאַכט קונדייסים, וואָס אַ העלפט פון זיי איז זיך אָנגעלאָפן פרעמדע. אויף די שמאָלע טרעפּ צום קעמערל צו איז געזעסן איין היטער, ביי דער טיר זיינען געשטאַנען נאָך צוויי מיט שטעקנס, מ׳האָט אָנ־געהויבן אַרויפגיין אויף די טרעפּ און פאַרנומען די גאַנצע לענג. גאַווריל‌אַ איז צו צו דער טיר, האָט אָנגעקלאַפּט מיט דער פויסט און אַ געשריי געטאָן:

— עפן!

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט בילן; נאָר קיין ענטפער איז נישט געוועזן.

— מ׳זאָגט דיר עפן! — האָט ער איבערגעחזרט.

— גאַווריליאַ אַנדרייאַיטש — האָט סטעפאַן באַמערקט פון אונטן: — ער איז דאָך אָבער טויב — ער הערט נישט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— וואָס זשע טוט מען? — האָט גאַווריליאַ געפרעגט פון אויבן.

— אין טיר דאָרט איז פאַראַן אַ לאָך — האָט סטעפאַן געענטפערט: — טאָ גיט אַ רודער מיט אַ שטעקן.

גאַווריליאַ האָט זיך אָנגעבויגן.

— ער האָט זי, די לאָך, הייסט עס, מיט עפּעס אַ קאַפּטן פאַרשטעקט.

— איז שטופּט אַריין דעם קאַפּטן אינעווייניק.

דאָ האָט זיך ווידער דערהערט אַ טעמפּ בילן.

— זעה נאָר זעה, ער מסרט זיך אַליין, — האָט מען באַמערקט פון צווישן עולם און מ׳האָט זיך ווידער צעלאַכט.

גאַווריליאַ האָט זיך אַ קראַץ געטאָן הינטערן אויער.

— ניין, ברודער, — האָט ער צולעצט ווייטער געזאָגט:

— דעם קאַפּטן, זיי מוחל, אַליין דורכשטופּן, אויב דו ווילסט — אויך אַ זאַך, לאָזט נאָר!

סטעפאַן איז אַרויפגעקלעטערט אַרויף, האָט גענומען אַ שטעקן, אַריינגעשטופּט אינעווייניג דעם קאַפּטן און גענומען דרעהען מיטן שטעקן, אַז מיט־אַמאָל האָט די טיר פונם קעמערל שנעל אויפגעפּראַלט — דאָס גאַנצע דינסטגעזינדל האָט זיך באַלד אַראָפּגעקוילערט מיטן קאָפּ אַראָפּ פון די טרעפּ און גאַווריליאַ פריהער פאַר אַלעמען. דער פעטער כוואָסט האָט פאַרהאַקט דעם פענסטער.

— נו, נו, — האָט גאַווריִלאַ געשריגן פון הויף: — זעֶה נאָר, דאָרט, היט די ביינער!

גערּאַסים איז געשטאַנען אויף דעֶר שוועל ניט קיי ריר זיך צו טון, דעֶר עולם האָט זיך צונויפגעקליבן אונטן ביי די טרעפ.

גערּאַסים האָט געקוקט, האַלטנדיג די הענט אויף די לענדן פון אויבן אַראָפּ, אויף די דאָזיגע מענשלאַך אין די דייטשישע קאַפּטאַנעס; אין זיין רויטער, פּויערשער העמד האָט ער אויסגעזעֶהן, ווי אַ מין ריִז קעֶגן זיי. גאַווריִלאַ האָט געגעֶבן אַ שפּאַן פּאָראויס.

— זעה נאָר, ברודער, — האָט ער אַ זאָג געגעֶבן — ביי מיר זאָלסטו זיך נישט נאַריש מאַכן. ער האָט גענומען אים געבן צו פאַרשטיין אויפן וואונק, אַז די פּריצע, הייסט עס, פּאָדערט דורכאויס זיין הינטל: גיב עס אַהער, הייסט עס, באַלד, אַ'ניט וועסטו שלעכט אָפּשניידן.

גערּאַסים האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אַ ווייז געטאָן אויפן הינטל, געמאַכט אַ צייכן מיט דעֶר האַנט ביי זיך אויפן האַלז, ווי ער וואָלט פאַרציהען אַ שלייף און האָט מיט אַ פרעֶג אַ קוק געטאָן אויפן עקאָנאָם.

— יאָ, יאָ, — האָט יענער געענטפערט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ; — יאָ, אָן שום תירוץ.

גערּאַסים האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דערנאָך האָט ער זיך מיט אַמאָל אויפגעמונטערט, האָט ווידער אָנגעוויזן אויף מומו, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעֶבן אים און האָט אומשולדיג געמאַכט מיטן עק און נייגעריג געשאָקלט מיט די אויערן, האָט איבערגעחזרט דעֶם צייכן פון דערשטיקן

אויף זיין האַלז און מיט האַרץ זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסט, ווי ער וואָלט דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער אַליין נעמט אויף זיך אומברענגען מומו.

— זעה, דו נאַרסט מיך! — האָט גאַווריל אַ געמאַכט מיט דער האַנט.

גערא‌סים האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט מיט פאַראַכטונג אַ שמייכל געטאָן, זיך נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן און פאַרהאַקט די טיר. אַלע האָבן זיך שווייגנדיג איבערגעקוקט.

— וואָס זשע הייסט דאָס? — האָט גאַווריל אַ אָנגעהויבן, —ער האָט זיך פאַרשפאַרט?

— לאָזט אים געמאַך, גאַווריל אַ אַנדרייאיטש, — האָט סטעפּאַן געזאָגט, — וואָס ער האָט צוגעזאָגט, וועט ער עס טון. אָט אַזאַ איז ער שוין... זאָגט ער צו, איז שוין זיכער. דערויף איז ער ניט, ווי אונזער איינער. וואָס אמת, איז אמת. יאָ.

דער פעטער כוואָסט האָט געעפנט דעם פענסטער און האָט אויך געזאָגט „יאָ".

— נו, לאָז זיין אַזוי, מיר וועלן זעהן, — האָט גאַווריל אַ געענטפערט; און די וואַך זאָל מען פונדעסטוועגן ניט אַראָפּנעמען. — העי, דו, יעראָשקאַ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איינעם אַן אָרימען מענשן אין אַ געלן נאַנקענעם קאָזאַקין, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גערטנער: — נעם אַ שטעקן און זיץ דאָ, און וואָס עפּעס, לויף באַלד צו מיר.

יעראָשקאַ האָט גענומען אַ שטעקן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אונטערשטער טרעפּ. דער עולם איז זיך פונאַנ־

דערגעגאַנגען, אויסער אייניגע נייגעריגע און די קונדייסים. און גאַוורילאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים און דורך ליובאָוו ליובימאָוונאַן געהייסן מעלדן דער פּריצע, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן, און אַליין האָט ער אויף יעדן פאַל אַוועקגעשיקט דעם פּאָררייטער צום כאָזשאַלי *). די פּריצע האָט געמאַכט אַ קניפּל אינם נאָזטיכל, האָט אָנגעגאָסן אויף דעם אָדעקאָלאָן, האָט אַ שמעק געטאָן, אָנגעריבן די שלייפן, זיך אָנגעטרונקען מיט טיי, און, נאָך ניט אויסגעניכטערט זיך פון די לאָבערקאַרשן-טראָפּן, איז זי נאָך אַמאָל אַנשלאָפן געוואָרן.

אין אַ שעה אַרום נאָך אָט דעם דאָזיגן טומל האָט זיך די טיר פון קעמערל געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן געראסים. ער איז געגאַנגען אין דעם יומטובדיגן קאַפטן און געפירט מומו פאַר אַ שטריקל. יעראָשקאַ האָט זיך אָפּגערוקט און אים געלאָזט דורכגיין. געראַסים האָט זיך געלאָזט גיין צום טויער. אַלע קונדייסים, וואָס זיינען געווען אין הויף, האָבן אים שווייגנדיג באַגלייט מיט די אויגן. ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, דאָס היטל האָט ער אָנגעטאָן ערשט אויף דער גאַס.

גאַוורילאַ האָט אים נאָכגעשיקט נאָכקוקן דעם געלן יעראָשקאַן. יעראָשקאַ האָט דערזעהן פון דערווייטנס, אַז ער איז אַריינגעגאַנגען מיטן הונט אין אַ טראַקטיר, האָט ער גענומען אָפּוואַרטן ביז יענער וועט צוריק אַרויסקומען.

אין טראַקטיר האָט מען געקענט געראסימען און מע האָט פאַרשטאַנען זיינע צייכנס. ער האָט געבעטן דערלאַנ

---

*) סטראַזשניק-היטער.

גען באָרשטש מיט פלייש און זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויפן טיש. מומו איז געשטאַנען נעבן זיין בענקל און האָט רוהיג געקוקט אויף אים מיט די קלוגע אויגן. די האָר אויף אים האָבן געגלאַנצט, ס׳איז קענטיג געווען, מ׳האָט אים ניט לאַנג אויסגעקעמט.

מ׳האָט דערלאַנגט געראַסימען באָרשטש. ער האָט אָנגעבראָקט אַהין ברויט, צעהאַקט אויף פּיצעלאַך דאָס פלייש, און אַוועקגעשטעלט דעם טעלער אויפן דיל. מומו האט גענומען עסן מיט זיין געוועהנליכער העפליכקייט, קוים צורירנדיג זיך מיטן פּיסקל צום געריכט. געראַסים האָט לאַנג געקוקט אויף אים; צוויי שווערע טרערן האָבן זיך פלוצים אַרויסגעקייקלט פון זיינע אויגן. איין טרער איז אַראָפּגעפאַלן דעם הינטל אויפן שטערנדל, דאָס צווייטע — אין באָרשטש אַריין. ער האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער האַנט. מומו האָט אויפגעגעסן אַ האַלבן טעלער, און איז אָפּ. באַלעקט זיך. געראַסים איז אויפגעשטאַנען, האָט באַצאָלט פאַרן באָרשטש און איז אַרויס אין דרויסן, דער דינער האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ פראַגע. דערזעהן געראַסימען, איז יעראָשקאַ אָפּגעשפּרונגען הינטער אַ ווינקלוואַנט, האָט אים דורכגעלאָזט פאַרביי, און זיך ווידער געלאָזט גיין נאָך אים.

געראַסים איז געגאַנגען ניט געאיילט און האָט ניט אָפּגעלאָזט מומו פון שטריקל. צוגעקומען צום ווינקלגאַס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פאַרטראַכט און פלוצים אַוועק איילינג צום טייך־איבערפאָר. אויפן וועג איז ער אַריין אין אַ הויף פון אַ הויז, וואָס דאָרט האָט זיך צוגעבויט אַ פליגל, און

האָט אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן צוויי ציגל אונטערן אָרעם. פונם איבערפאָר האָט ער פאַרקערעוועט צום ברעג, איז צו־געגאַנגען צו איין אָרט, וואו שיפלאַך מיט רודערס זיינען געשטאַנען צוגעבונדן צו פלעקער און איז אַריינגעשפרונגען אין אַ שיפל צוזאַמען מיט מומו. אַ לאָמער אַלטיטשקער האָט זיך באַוויזן פון הינטער אַביידל, וואָס איז געשטאַנען ביים עק גאָרטן, און האָט גענומען שרייען אויף אים. גע־ראַסים האט נאָר אַ מאַך געטאָן אים מיטן קאָפּ און גענומען אַזוי שטאַרק רודערן, הגם ס'איז געווען אַרויף וואַסער, אַז אין איין מינוט איז ער אַוועקגעשוואומען אויף אַ סאַזשען הונדערט. דער אַלטער איז געשטאַנען, געשטאַנען, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פלייצע, פריהער מיט דער לינקער האַנט, דערנאָך מיט דער רעכטער, און זיך אומגעקערט, הינקענדיג, אין ביידל אַריין.

געראַסים האָט גערודערט און גערודערט. אָט איז שוין מאָסקווע געבליבן פון הינטן. אָט האָבן זיך שוין אַוועקגע־לאָזט ביי די ברעגן לאָנקעס, גערטנער, פעלדער, וועלדלאַך, ס'האָבן זיך באַוויזן פויערשע הייזלאַך. ס'האָט אַ וועהע גע־טאָן מיט דאָרף. ער האָט אָפּגעלאָזט די רודערס, איז צו־געפאַלן מיטן קאָפּ צו מומו, וואָס איז געזעסן פאַר אים אויף דעם טרוקענעם זייטנברעטל — דער דעק איז געווען פאַר־גאָסן מיט וואַסער — און איז געבליבן זיצן ניט גערירט זיך, צונויפגעלעגט די מעכטיגע הענט אויף דעם הונטס רוקן, בעת דער שטראָם האָט דערווייל פאַמעליך אָפּגעטראָגן דאָס שיפל צוריק צו דער שטאָט. צולעצט האָט זיך געראַסים אויסגעלאַכט, האָט, איילנדיג, מיט עפּעס אַ מין קרענקליכער

פאַרביטערקייט אויפן פּנים, אַרומגעוויקלט דאָס שטריקל אַרום די ציגל, וואָס ער האָט גענומען, געמאַכט אַ שלייף און אָנגעטאָן מומו אויפן האַלז, האָט אויפגעהויבן דעם הונט איבערן וואַסער, צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף אים... מומו האָט מיט צוטרוי און אָן שרעק געקוקט אויף אים און פֿאַמעליך געפאָכט מיטן עקל. ער האָט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ, פֿאַרזשמורעט די אויגן און געעפנט די האַנט... געראַסים האָט גאָרנישט ניט געהערט, ניט מומוס פּלוצימדיגן קוויטש, בעת ער איז געפאַלן, ניט דעם שווערן פּלעסק פונם וואַסער. דער רעשיגסטער טאָג איז פאַר אים טויט שטיל געווען, ווי די שטילסטע נאַכט איז ניט שטום ביי אונז; ווען ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, האָבן זיך קלייניקע כוואַלעלאַך, ווי פריהער געאיילט איבערן טייך, ווי יאָגנדיג זיך איינס נאָכן אַנדערן, ווי פריהער האָבן זיי געקלאַפּט אָן די זייטן פון שיפל, און נאָר ווייט פון הינטן צום ברעג צו זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן עפּעס ברייטע רעדער.

יעראָשקאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים, ווי נאָר געראַסים איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן, און האָט דערציילט, וואָס ער האָט געזעהן.

— נו, יאָ, — האָט סטעפּאַן באַמערקט, — ער וועט אים דערטרינקען. מ׳קאָן שוין זיין זיכער. האָט ער נאָר עפּעס צוגעזאָגט...

דעם גאַנצן טאָג האָט קיינער נישט געזעהן געראַסימען. ער האָט נישט געמיטאָגט אין דער היים. ס׳איז געוואָרן אָוונט, אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דעם אָוונט־עסן, חוץ אים.

ס׳אַ חושים דער גראַסים איז׳ — האָט אַ פּיפּס געטאָן די גראָבע וועשערין — מ׳זאָל זיך אַזוי נעמען צום האַרצן פון אַ הונט!... באמת!

— גערעסים איז דאָך דאָ געווען׳ — האָט סטעפּאַן פּלוצים אויסגעשריגן׳ אָנשאַרנדיג קאַשע מיט דער לעפל.

— ווי? ווען?...

— אָט פאַר אַ פּאָר שעה. ווי דען! איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין טויער; ער איז שוין ווידער פון דאַנען געגאַנגען׳ פון הויף אַרויסגעקומען. איך האָב געוואָלט אים אַ פרעג טון פון דעם הונט׳ נאָר ער׳ זעהט אויס׳ איז געווען שלעכט געשטימט. נו׳ האָט ער מיך אַ שטופּ געגעבן; ווייזט אויס׳ ער האָט נאָר סתם אַזוי געוואָלט מיך אָפּשטופּן אָן אַ זייט׳ ס׳הייסט׳ קריך נישט׳ — נאָר ער האָט מיר אַזוי דערלאַנגט אין דעם דיך׳ שוין איין מאָל! — און סטעפּאַן האָט מיט אַ ביטערן שטייכל זיך צונויפגעקאָרטשעט און זיך אַ רייב געגעבן דעם קאַרק. — יאָ׳ — האָט ער צוגעגעבן׳ — אַ האנט האָט ער׳ מע קאָן נישט זאָגן׳ אַ געבענשטע האַנט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון סטעפּאַנען׳ און נאָך דעם אָוונט־עסן איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען שלאָפן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערוויל איבערן ט־לער שאָסיי געשפּאַנט האַסטיג אָן אַן אָפּשטעל עפּעס אַ ריז מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. דאָס איז געווען גערעסים. ער האָט זיך גע־איילט, ניט אומגעקוקט זיך׳ געאיילט אַהיים׳ צו זיך אין דאָרף אַריין׳ צו זיין געבורט־אָרט. דערטרונקען מומו׳ נעביך׳ איז ער געקומען צו לויפן צו זיך אין קעמערל׳ האָט אויף

גיך צונויפגעלעֶגט זיין ביסל אייגנס, געמאַכט אַ פּעקל, פאַר־
וואָרפן דאָס אויף די פּלייצעס און ניט געבליבן. דעֶם וועֶג
האָט עֶר גוט באַמערקט נאָך דעמאָלט, ווען מע האָט אים
געפירט קיין מאָסקווע, דאָס דאָרף, וואָס די פריצע האָט אים
פון דאָרט גענומען, איז געוועֶן אינגאַנצן אַ ווערסט פינף
און צוואַנציק פון שאָסיי. עֶר איז געגאַנגען איבערן שאָסיי
עפּעס מיט אַ באַהאַרצטן איינשטעל, ווי אַ מענטש, וואָס האָט
פאַרצווייפלט און צוגלייך מיט פרייד עפּעס באַשלאָסן ביי
זיך. עֶר איז געגאַנגען, די ברוסט ברייט געעפנט; די אויגן
האָבן גיריג און גלייך געקוקט פאָראויס. ער האָט זיך געאיילט,
פונקט ווי אַן אַלטיטשקעֶ מאַמע וואָלט געוואַרט אויף אים
אין דעֶר היים, פונקט ווי זי וואָלט אים גערופן צו זיך נאָך
לאַנג אַרומוואַנדלען אין אַ פרעמד לאַנד, צווישן פרעמדע
מענשן... די זומערדיגע נאַכט, וואָס איז נאָר וואָס צוגע־
פאַלן, איז געוועֶן שטיל און וואַרים; פון איין זייט, דאָרט
וואו די זון האָט זיך געזעצט, איז דעֶר עק הימל נאָך ווייס־
ליך געוועֶן און האָט זיך שוואַך גערויטלט מיטן לעצטן אָפּ־
גלאַנץ פונם פאַרשוואונדענעם טאָג; פון דעֶר אַנדערער זייט
האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַ בלויער גראָהער טונקל. די
נאַכט איז געגאַנגען פון דאָרטן. די וואַכטלען האָבן הונדער־
טערווייז געליאַרעמט אַרום, די ראָלען האָבן זיך אַנטקעֶגן־
געשריגן איינער העכער פאַרן אַנדערן. געראַסים האָט זיי
נישט געקאָנט הערן, האָט אויך נישט געקאָנט הערן דעֶם
גרינגן נאַכט־שאָרך פון די בוימער, וואו זיינע פיס האָבן
אים פאַרבייגעטראָגן; עֶר האָט אָבער געפיהלט דעֶם באַ־
קאַנטן ריח, וואָס האָט געצויגן פון די טונקעלע פעלדער,

פון דעם קאָרן רייף צו ווערן, האָט געפּיהלט, ווי דער ווינט, וואָס האָט אים געצויגן אַנטקעגן — דער ווינט פון דער היים, ווי ער האָט אים געגלעט דאָס פּנים, זיך געשפּילט מיט זיינע האָר און באָרד; האָט געזעהן פאַר זיך דעם ווייסשימערירנ־דיגן שלאַך, וואָס פירט אַהיים, אַ גלייכער, ווי אַ פייל; האָט געזעהן אין הימל אַ שלל שטערן, וואָס האָבן אים באַלויכטן דעם וועג, און ער האָט ווי אַ לייב געשפּאַנט שטאַרק און מוטיג אַלץ ווייטער. ווען די אויפגייענדע זון האָט באַלויכטן מיט אירע פייכט־רויטע שטראַלן דעם בראַוון יונג, וואָס איז זיך ערשט רעכט צעגאַנגען, איז שוין צווישן אים און מאָסקווע געלעגן פינף און דרייסיג ווערסט…

אין צוויי טעג אַרום איז ער שוין געווען אין דער היים, אין זיין הייזל, צו גרויס וואונדער פון דער סאָלדאַטקע, וואָס מ׳האָט דאָרט באַזוצט, איבערגעצלמט פאַר די איקאָנעס, איז ער באַלד אַוועק צום סטאַראָסטע. דער סטאַראָסטע האָט זיך געוואונדערט לכתחילה פאַרוואונדערט; אָבער דער היישניט האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן: געראַסימען, אַן אויסגעצייכנטן אַרבעטער, האָט מען גלייך געגעבן אַ קאָסע אין האַנט, — און ער איז אַוועק שניידן, ווי אַמאָל, אַזוי שניידן, אַז עס האָט אַזש די פּויערים פאַרנומען, קוקנדיג אויף זיין ברייט־קייט פון פאַרנעם מיט זיין קאָסע.

אין מאָסקווע האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז געראַסים איז נישטאָ, ערשט אויף מאָרגן נאָך זיין אַנטלויפן. מ׳איז אַוועק צו אים אין קעמערל, דאָס אַרומגעטאַפּט, געזאָגט גאַווריליאַן, יענער איז געקומען, האָט אַ קוק געגעבן, אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען און באַשלאָסן, אַז דער שטומער איז

אָדער אַנטלאָפן, אָדער דערטרונקען געוואָרן אינאיינעם מיט זיין נאַרישן הונט. מע האָט געגעבן צו וויסן דער פּאָליציי, געמאָלדן דער פּריצע. די פּריצע האָט זיך צעכעסט, צעווינט, געהייסן אים אויפזוכן אָן שום תּירוץ, האָט פאַרזיכערט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געהייסן הרגענען דעם הונט, און צולעצט האָט זי געגעבן גאַווריילאַן אַזאַ פּסק, אַז יענער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען, האָט געשאָקלט אַלע מאָל מיטן קאָפּ און גענוקעט, ביז דער פעטער כוואָסט האָט אים קלאָר געמאַכט מיט אַ: נו־נו; צולעצט איז אָנגעקומען א ידיעה פון דאָרף וועגן גראַסימס אָנקומען. די פּריצע האָט זיך אַ ביסל באַרוהיגט; די ערשטע מינוט האָט זי געוועזן אָפּגעגעבן אַ באַפעל אים תּיכּף אַרויספאָדערן צוריק קיין מאָסקווע שפּעטער אָבער האָט זי דערקלערט, אַז זי דאַרף כּלל נישט האָבן אַזאַ אומדאַנקבאַרן מענטשן. איבעריגנס, זי אַליין איז אינגיכן געשטאָרבן, און די יורשים אירע איז גראַסימס שוין ניט געלעגן אין קאָפּ; זיי האָבן אויך די איבעריגע מענטשן פונאַנדערגעלאָזט און זיי האָבן זיי געצאָלט דערפאַר צינדז.

גראַסים לעבט עד־היום איינער אַליין אין זיין איינזאַם הייזל, איז געזונט און מעכטיג, ווי אַמאָל, און אַרבעט, ווי פריהער, פאַר פיר, און, ווי פריהער, איז ער ערנסט און געזעצט. נאָר די שכנים האָבן באַמערקט, אַז זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו חברן זיך מיט פרויען, קוקט אפילו נישט אויף זיי און האַלט נישט ביי זיך קיין איין הונט אפילו.—איבעריגנס,—דרינגען די פויערים: — ס׳איז גאָר אַ גליק פאַר אים, וואָס ער דאַרף ניט קיין נקבה; און אַ הונט — צו וואָס דאַרף ער

אַ הונט? ווּעסט סיי־ווי צו אים אין הויף אַריין קיין גנב
מיט קיין שטריק אפילו נישט פאַרשלעפּן!
אַזאַ שם האָט דעֶר שטומער מיט זיין ריזן־גבורה.

✱

בעזשענער לאנקע

עס איז געווען אַ שענער יולי־טאג׳ איינער פון יענע
טעג׳ וואס פאַלן אויס נאר דעמאלט׳ ווען דאָס וועטער האָט
זיך איינגעשטעלט אויף אַ לענגערע צייַט׳ פון גאַנץ פריה אָן
איז דער הימל ריין; דער באַגינען פלאַקערט מיט פלאַם־
פייַער: ער צעגיסט זיך מילדראָזי׳ די זון איז ניט קיין
פייערדיגע און צעגליהטע׳ ווי אין אַ הייסער טרוקענער צייַט׳
ניט קיין טונקל־בלוטרויטע׳ ווי פאַר א שטורם; א ליכטיגע׳
פרייַנטליך־שטראַלנדיגע שווימט זי בנעימותדיג אַרויס פון
אונטער א שמאָל׳ לאַנג וואָלקענדל׳ גיט אַ גלאַנץ׳ ווי דער־
פרישט און פאַרזינקט אין דעם לילאַ־פאַרביגן נעפל׳ דער
אויבערשטער׳ דינער ראַנד פונם צעצויגענעם וואָלקענדל
צעפינקלט זיך שלענגלאַך־ווייז מיט אַ גלאַנץ׳ ווי געהאַרטעוועט
זילבער ··· נאָר אָט האָבן נאָך אמאָל אַ פלייץ געטאָן שפּי־
לענדיגע שטראַלן – און די מעכטיגע זון הויבט זיך אויף׳ ווי
ארויפפליהענדיג׳ פרעהליך מאַיעסטעטיש ··· אַרום האַלבן
טאָג באַווייזן זיך געוועהנטליך אַ סך קיילעכדיגע הויכע וואָל־
קענס׳ גאָלדיג־גראָה און צערטליך־ווייס פאַרזוימט׳ זיי רירן
זיך כמעט ניט פון אָרט׳ ווי צעוואָרפענע אינזלען איבער
אַ ברייט צעגאָסענעם טייך׳ וואָס שוועקט זיי אַרום מיט
טיף־דורכזיכטיגע בלויע שטראָמען׳ ווייטער צום האָריזאָנט

צו רוקן זיי זיך צוגויף׳ שטופּן זיך׳ און מ׳זעהט שוין ניט די בּלויקייט צווישן זיי׳ אָבער אָנגעזאַפּט מיט ליכט און וואַרימקייט׳ זעהען זיי אַליין אויס אַזוי בּלוי׳ ווי דער הימל׳ די שוואכע לילאַ־בּלייכע מראה פונם האָריזאָנט ענדערט זיך ניט דעם גאַנצן טאָג און איז אַרום און ארום איינע און דיזעלבּע ; אין ערגעץ כמאַרעט זיך ניט אָן אויף אַ געוויטער; נאָר פון צייט צו צייט געבּן זיך דאָ און דאָרט אַ ציה אויס הימל־בּלויע פּאַסן פון אויבן אַראָפּ : דאָס שפּרענקלט אַ רעגן קוים צו באַמערקן׳ צו אָונטו צו פאַרשווינדן די דאָזיגע וואָלקענס׳ די לעצטע זייערע׳ שוואַרצליכע׳ אומקלאָרע ווי רויך׳ לעגן זיך אויס ווי ראָזיגע קנוילן קעגנאיבער דער זון, וואָס האַלט אין פאַרגיין׳ אויפן אָרט׳ וואו זי האָט זיך גע־זעצט אַזוי שטיל׳ ווי שטיל זי איז אויפגעגאַנגען׳ האַלט זיך אַ קליינע ווילע אַ בּלוטרויטע שיין איבער דער טונקל גע־וואָרענער ערד׳ און דער אָוונט־שטערן צינדט זיך אָן שטיל בּלינצעלדיק׳ ווי אַ ליכט׳ וואָס ווערט פאָרזיכטיג געטראָגן׳ אין אַזעלכע טעג זיינען אַלע פאַרבּן ווייכער; ליכטיגע׳ נאָר ניט בּלענדענדיגע; אויף אַלץ ליגט אַ חן פון רירנדיגער מילדקייט׳ אין אַזעלכע טעג טרעפט׳ אַז די היץ איז זעהר גרויס׳ צו־מאָל׳ „פאַרעט“ אפילו אויף די משופּעדיגע בּרעגן פון די פעלדער ; דער ווינט אָבער צעטרייבּט׳ צעבּלאָזט די אָנגע־זאַמלטע היץ׳ און וויכערס׳ וואָס דרעהען זיך אין אַ קאַראָהאָד׳ — דער בּעסטער סימן אויף אַן איינגעשטעלט וועטער׳ — שפּאַ־צירן זיך אַרום׳ ווי הויכע ווייסע זיילן אויף די שלאַכן איבּער דעם אַקער־פעלדי׳ אפילו אַ שעה פאַר דעם׳ ווי עס ווערט נאַכט׳ פיהלט איר ניט קיין פייכטקייט׳ אויף אַזאַ

װעטער קוקט דער פֿויער אַרויס, כּדי אַראָפּצונעמען די תּבֿואה...

פּונקט אין אַזאַ טאָג האָב איך זיך איינמאָל געיאָגט נאָך בערגהעכער אין טשערנער אויעזד, טולער גובערניע. איך האָב געטראָפֿן און דערשאָסן אַ היפּש ביסל װילדפּרעט, דער יאַגד־טאַש, פֿול װי אַן אויג, האָט מיר אומברחמנותדיק געשניטן דעם אַקסל. און לסוף, אַז ס'איז ביי מיר געבליבן זיך אומקערן אַהיים, איז די שקיעה־שיין געװען שוין אויסגעלאָשן, קילע שאָטנס האָבן אָנגעהויבן װערן געדיכט און זיך פֿונאַנדערגיסן אין דער לופֿט, װאָס איז נאָך ליכטיק געװען. איך בין מיט האַסטיקע טריט דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן קוסטן־פּלאַץ און בין אַרויף אויף אַ בערגל, אָבער אָנשטאָט דעם באַקאַנטן טאָל מיטן דעמבענעם װעלדל רעכטס און מיט דעם נידעריקן װייסן קלויסטער פֿון דערװייטנס, האָב איך דערזען גאָר אַנדערע אומבאַקאַנטע ערטער. פֿאַר מיינע פֿיס האָט זיך געצויגן אַ שמאָלער טאָל; גלייך קעגנאיבער האָט זיך װי אַ גלייכע װאַנט אויפֿגעהויבן אַן אָסינאָװע װעלדל. פֿאַרװאונדערט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט... „עהע!״— האָב איך אַ טראַכט געטאָן: „איך בין דאָך גאָר נישט אַהין פֿאַרגאַנגען: צופֿיל זיך גענומען אויף רעכטס״ — און פֿאַרחדושט אויף מיין אייגענעם טעות, האָב איך זיך פֿלינק אַראָפּגעלאָזט פֿונם בערגל. מיך האָט גלייך ארומגעכאַפּט ניט קיין אנגענעמע, שטייענדיקע פֿייכטקייט, װי איך װאָלט אין אַ קעלער אַריינגעגאַנגען. אונטן אין טאָל האָט אַ געדיכט, הויך גראָז, איינגאַנצן נאַס, געשימערט װי אַ גלאַטער טישטוך; עפּעס איז אומהיימליך געװען צו טרעטן

אויף דעם. איך האָב זיך וואָס גיכער אַרויסגעמאַכט אויף דער צווייטער זייט און בין אַוועק, זיך האַלטנדיג לינקס לענג־אויס דעם אָסינאָווע וועלדל. פלעדערמייז האָבן זיך שוין געטראָגן איבער זיינע איינגעשלאָפענע קרוינען און האָבן סודותדיג זיך געקרייזלט און געפלאַטערט אין דעם אומדייטליך לויטערן הימל. אַ פאַרשפעטיגט שפּאַרבערל איז גראָד און פאַרשייט דורכגעפלויגן אין דער הויך, איילנדיג זיך צו זיין נעסט. „ווי איכ׳ל נאָר צוקומען צו יענעם ווינקל״ — האָב איך זיך געקלערט — „וועט דאָ באַלד זיין דער שלאַף. כ׳האָב, נישקשה, אָנגעלעגט אַ גוטן ווערסט!״

ענדליך האָב איך זיך דערשלעפּט ביז צום ווינקל וואַלד, אָבער דאָרט איז קיין שום וועג נישט געווען. עפּעס ניט גערירטע, געדיכטע קוסטעס האָבן זיך ברייט אויסגעשפּרייט פאַר מיר, און ווייט־ווייט הינטער זיי האָט זיך געזען אַ פּוסט פעלד. איך האָב זיך ווידער־אַמאָל אָפּגעשטעלט. „וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה? וואו זשע בין איך פאָרט?״ — איך האָב גענומען זיך דערמאָנען, ווי און וואוהין איך בין געגאַנגען דעם גאַנצן טאָג... „ע! דאָס זיינען דאָך די פּאַ־ראַכינער קוסטעס!״ — האָב איך ענדליך אויסגעשריגן: „געוויס! אָט דאָס מוז זיין דאָס סינדייעווער וועלדל... אָבער ווי אַרום בין איך אַהער פאַרגאַנגען? אַזוי ווייט?... מאָדנע! איצט דאַרף מען זיך ווידער נעמען רעכטס.״

איך בין אַוועק רעכטס צווישן די קוסטעס. דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלן און האָט זיך אָנגערוקט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע; געדאַכט האָט זיך, אז די פינסטערניש האָט זיך צו־זאמען מיט די נאַכטיגע טוי־וואָלקענס געהויבן פון אַלע זייטן,

אפילו פון דער הויך זיך געגאָסן. איך האָב דערזעהן אַ ניט איינגעטראָטענע פאַרוואַקסענע סטעזשקע, און האָב זיך געלאָזט גיין איבער איר, זיך איינקוקנדיג פאַר זיך. אַרום איז געשווינד געוואָרן אַלץ טונקעלער און שטילער; נאָר די וואַכטלען האָבן פון צייט צו צייט געשריגן. ניט קיין גרויסער נאַכט־פויגל, וואָס האָט זיך שטיל און נידעריג געטראָגן אויף זיינע ווייכע פליגל, האָט זיך שיער ניט אָנגעשלאָגן אָן מיר און האָט זיך דערשראָקן אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט. איך בין אַרויסגעקומען צום ראַנד קוסטעס און האָב זיך אוועקגעשלעפט מיט דער מעזשע איבערן פעלד. איך האָב קוים דערקענט, וואָס עס טוט זיך אין דער ווייטנס, דאָס פעלד האָט אומקלאָר געשימערט אַרום; הינטער דעם האָט זיך אויפגעהויבן אַ כמורע חשכות, אָנרוקנדיג זיך יעדע ווייַלע מיט אומגעהייערע קנוילן. מיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער פאַרגליווערטער לופט. דער אויסגעבלייכטער הימל האָט ווידער אָנגעהויבן בלויען — נאָר דאָס איז שוין געווען די בלויקייט פון דער נאַכט. שטערנדלאַך האָבן אָנגעהויבן שימערן אויף אים.

דאָס, וואָס מיר האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ וועלדל, איז גאָר געווען אַ טונקל קיילעכדיג בערגל — וואו זשע בין איך דאָס? — האָב איך נאָך־אַמאָל אַ זאָג געגעבן אין דער הויך, האָב זיך צום דריטן מאָל אָפּגעשטעלט און מיט אַ פרעג אַ קוק געגעבן אויף מיין ענגלישן געל־געפלעקטן הונט דיאַנקע, די סאַמע קלוגסטע פון אַלע פירפיסלדיגע חיות. אָבער די קליגסטע פון אַלע פירפיסלדיגע חיות האָט נאָר געדרעהט מיטן עק, אומעטיג געפינטלט מיט די מידע אויגע־

לאַך און האָט מיר ניט געגעבן קיין שום רעכטע עצה. מיר איז געוואָרן אַ בזיון פאַר דעם הונט. און איך האָב זיך אַ פאַרצווייפלטער אַ לאָז געטאָן ווייטער, גלייך איך וואָלט פלוצלים זיך אָנגעשטויסן, וואוהין איך דאַרף גיין. איך בין אַרומגעגאַנגען דאָס בערגל און בין אַריין אין אַ ניט טיפן, אַרום און אַרום צעאַקערטן נידעריגן טאָל. אַ מאָדנער געפיהל האָט מיך תיכף באַהערשט. דאָס דאָזיגע נידעריגע אָרט האָט אויסגעזעהן ווי אַ קעסל מיט פאַרבויגענע ראַנדן. אונטן האָבן אַרויסגעקוקט אין דער הויך עטליכע גרויסע ווייסע שטיינער, וואָס האָבן אויסגעזעהן, גלייך, ווי זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אַהער אויף אַ שטילן ישוב. און אַזוי שווייגענדיג און עלנט איז אין דעם אָרט געווען, אַזוי פלאַך און אומעטיג איז דער הימל געהאַנגען איבער דעם, אַז עס האָט מיר אַזש ביים האַרצן פאַרקלעמט... עפעס אַ חיהלע האָט שוואַך און קלאָגנדיג אַ פיפס געטאָן צווישן די שטיינער. איך האָב זיך געאיילט צוריק. אַרויף אויף דעם בערגל. איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרלוירן די האָפענונג צו געפינען דעם וועג אַהיים. נאָר דאָ האָב איך זיך סוף כל סוף איבערצייגט, אַז איך האָב זיך רעכט פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב שוין מער ניט געפרובט צו דערקענען די אַרומיגע ערטער, וואָס זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינסטערניש, און האָב זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט, נאָך די שטערן נאָך... איך בין אַזוי געגאַנגען אַ גוטע האַלבע שעה, קוים געפלאָנטערט מיט די פיס. דאַכט זיך, אויף מיין לעבן בין איך ניט געווען אין אַזעלכע וויסטע ערטער: אין ערגעץ האָט מען ניט געזעהן קיין פייערל, ניט געהערט

קיין שום קלאַנג. איין אָפּגעהאַקט בערגל נאָכן צווייטן, פּעלד איין פּעלד אויס, קוסטעס זייַנען עפּעס פּלוצים ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן סאַמע פאַר מיין נאָז... איך בין אַלץ ווייטער געגאַנגען, האָב זיך שוין געקליבן צולעגן ער־געץ וואו ביז אינדערפריה, אַז מיט־אַמאָל בין איך שטיין געבליבן פאַר אַ שרעקליכן אָפּגרונט.

איך האָב האַסטיג אַ ריס געטאָן צוריק די פיס, וואָס איך האָב שוין געהאַט אויפגעהויבן, און האָב אין דער קוים דורכזיכטיגער טונקלקייט פון דער נאַכט דערזעהן ווייט אונטער זיך אַ גרויסן פליין. אַ ברייטער טייך האָט אים אַרומגענומען, ווי אַ האַלבע ראָד, וואָס האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פון מיר. דער שטאָלענער אָפּגלאַנץ פונם וואַסער, וואָס האָט זעלטן און אומקלאָר געשימערט, האָט געוויזן איר שטראָם. דער באַרג, אויף וועלכן איך בין געווען, האָט זיך מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט כמעט ווי אַ גלייכע וואַנט, און זייַנע אומגעהייערע קאָנטורן, וואָס זייַנען געוואָרן אַלץ טונקעלער, האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער בלוילעכער לופטיגער פוסט־קייט. און גלייך אונטער מיר, אין ווינקל, פון באַרג אַראָפּ אין פליין, נעבן טייך, וואָס איז דאָ געשטאַנען ניט רירנדיג זיך ווי אַ שוואַרצער שפּיגל, אונטערן סאַמע אַראָפּגאַנג, האָבן צוויי פייערלאַך געברענט מיט אַ רויטן פלאַם און זיך געריוכערט איינער נעבן צווייטן. אַרום זיי האָבן זיך מענשן גערודערט, שאָטנס האָבן זיך באַוועגט, צומאָל איז דער פאָדערשטער טייל פון אַ קליינינק, געקרייזלט קעפּל העל באַלויכטן געוואָרן...

לסוף האָב איך דערקענט דאָס אָרט, וואוהין איך בין פאַרגאַנגען. די דאָזיגע לאָנקע איז באַרימט געווען אין אונזער סביבה מיטן נאָמען „בעזשענער לאָנקע״!... זיך אומקערן אַהיים איז קיין שום מעגליכקייט ניט געווען, בפרט בייַנאַכט. די פיס האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט פון מידקייט. איך האָב באַשלאָסן צוגיין צו די פייערלאַך צו־וואַרטן, ביז עס וועט אָנהויבן שאַרען אויף טאָג, דאָ צווישן די מענטשן, וואָס האָבן מיר אויסגעזעהן ווי פיהטרייבער. בשלום האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט. איך האָב אָבער נאָך ניט באַוויזן אַרויסצולאָזן פון די הענט דאָס לעצטע צווייַגל, וואָס איך האָב אָנגעכאַפּט, ווי צוויי גרויסע, ווייסע, צעפּאַטלטע הינט האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיט אַ בייז בילן. אַרום די פייערלאַך האָבן זיך דערהערט הילכיגע קינדערשע שטימען. צוויי־דריי ייִנגלאַך האָבן זיך געשווינד אויפגע־הויבן פון דער ערד. איך האָב זיך אָפּגערופן אויף זייער שרייען „ווער איז״. זיי זיינען צוגעלאָפן צו מיר, האָבן באַלד אָפּגעטריבן די הינט, וואָס זיינען באַזונדערס איבערראַשט געוואָרן פון מיין דיאַנקעס קומען אַהער, און איך בין צו־געגאַנגען צו זיי.

איך האָב אַ טעות געהאַט אין די מענטשן אַרום יענע פייערלאַך, וואָס מיר האָבן זיי אויסגעזעהן פאַר פיהטרייבער. דאָס זיינען פשוט געווען פויערשע ייִנגלאַך פון שכנישע דערפער, וואָס האָבן געהאַט אַ טאַבון פערד. אין הייסער זומער־צייט טרייבט מען ביי אונז אַרויס די פערד אויף אַ גאַנצער נאַכט זיך פּאַשען אין פעלד: בייטאָג וואָלטן די פליגן און גילן ניט געלאָזט זיי צורוה. אַרויסטרייבן די

פֶערד ביינאַכט און זיי צוריקבּרענגען פאַרטאָג איז אַ גרויסער יום־טוב ביי פויערשע יינגלאַך. זיי טראָגן זיך אַרום רייטנדיג, אָן היטלען, אין אַלטע פעלצלאַך, אויף די סאַמע היציגסטע פערדלאַך, מיט אַ היק און געשריי, וואַרפן דערביי מיט די הענט און פיס, העצקען זיך און לאַכן הילכיג. אַ לייכטער שטויב הויבט זיך אויף און טראָגט זיך איבערן שלאַך ווי אַ געלער זייל. עס הערט זיך ווייט אַ מוטיג טופען, די פערד לויפן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן; עפּעס אַ רויטער קודלאַטש מיט שטעכלקעס אין דער פאַרפלאָנטערטער גריווע שפּרינגט אַפריהער פאַר אַלעמען מיט אַ פאַרריסענעם עק.

איך האָב געזאָגט די יינגלאַך, אַז איך האָב פאַרבּלאָנדזשעט, און האָב זיך צוגעזעצט צו זיי. זיי האָבן אַ פרעג געטאָן פון וואַנען איך בין, זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן זיך אָפּגערוקט אַ ביסל. מיר האָבן אַ ביסל געשמועסט. איך האָב זיך צוגעלעגט אונטער אַן אָפּגעסמאַלעט בוימל און האָב גענומען קוקן אַרום זיך. דאָס בילד איז געווען אַ וואונדערבּאַרס: נעבן די פייערלאַך האָט אַ רונדער רויטליכער ווידערשיין געפליטערט און אַלע מאָל ווי זיך פאַרגאַנגען, אָפּגעשלאָגן זיך אין דער פינסטערניש. דער פלאַם האָט אויפגעפלאַקערט, פון צייט צו צייט געוואָרפן איבער יענעם עיגול פלוצימדיגע אָפּגלאַנצן. דאָס דינע פייערצינגל גיט אַ לעק די הוילע צווייגלאַך און ווערט גלייך פאַרשוואונדן, און שפּיציגע לאַנגע שאָטנס רייסן זיך אַריין אויף אַ רגע און לויפן צו ביז סאַמע די פייערלאַך: די פינסטערניש ראַנגלט זיך מיט דער ליכטיגקייט. צומאָל, ווען דאָס פייער האָט

שוואַכער געבּרענט און דער ליכט־עיגול האָט זיך אײַנגעצויגן, האָט זיך פּלוצים באַוויזן פון דער אָנגערוקטער פינסטערניש אַ פערדישער קאָפּ, אַ רויטבּרוינליכער מיט אַ געשלענגעלט שטרײַפעלע, אָדער גאָר אַ ווײַסער, האָט אויפמערקזאַם און טעמפּ געקוקט אויף אונדז, קײַענדיק געשמײַדיג דאָס לאַנגע גראָז, און זיך גלײַך ווידער אַראָפּגעלאָזט און פאַרשוואונדן. מ'האָט נאָך געהערט, ווי ס'האָט ווײַטער געקײַט און געבּלאָזן פון זיך מיט די נעזלעכער, פון אַ באַלויכטן אָרט איז שווער צו זעהן, וואָס עס טוט זיך אין דער פינסטערניש, דעריבער האָט פון דער נאָהענט אויסגעזעהן ווי פאַרצויגן מיט אַ כמעט שוואַרצן פאָרהאַנג. נאָר ווײַטער צום האָריזאָנט צו האָבּן זיך אומקלאָר, ווי לאַנגע פלעקן, געזעהן בּערג און וועלדער. אַ טונקעלער, רײַנער הימל איז פײַערליך און אָן אַ ברעג געהאַנגען איבער אונדז מיט זײַן גאַנצער סודותדיער פּראַכט. די בּרוסט האָט זיס געקלעמט, אײַנעטעמענדיג יענעם אויסטערלישן מאַט־מאַכנדיגן און פרישן ריח — דעם ריח פון אַ רוסישער זומערדיגער נאַכט. אַרום און אַרום האָט זיך כמעט ניט געהערט קיין שום גערויש... נאָר זעלטן גיט אַ גרויסער פיש אַ פּלעסקע מיט אַ פּלוצימדיגן הילך אינם נאָהענטן טײַך, און בײַם ברעג טוט אַ שוואַכן רויש דער טשערעט, שטיל צעוויגט פון אַן אָנגעלאָפענער כוואַליע... נאָר די פײַערלאַך האָבּן שטיל אונטערגעקנאַקט.

די ייִנגלאַך זײַנען געזעסן אַרום זיי. דאָ זײַנען אויך געזעסן יענע צוויי הינט, וואָס האָבּן אַזאַ חשק געהאַט מיך אויפצועסן. זיי האָבּן לאַנג נאָך אַלץ ניט געקאָנט פועלן בײַ זיך, אַז איך בּין דאָ, האָבּן געזשמורעט מיט פאַרשלאָפענע

אויגן, געקוקט אויפן פייער פון דער זייט און האָבן פון צייט צו צייט געברילט מיט אַן אומגעוועהנליכן האָנאָר־געפיהל. צוערשט האָבן זיי געברילט, דערנאָך האָבן זיי גענומען שטיל קוויטשען, גלייך ווי זיי האָט וויי געטאָן, וואָס זיי קאָנען ניט טון, וואָס זיי ווילט זיך. סך הכל זיינען געווען פינף יינגלאַך: פעדיאַ, פּאַוולושאַ, איליושאַ, קאָסטיאַ און וואַניאַ. פון זייערע שמועסן האָב איך זיך דערוואוסט זייערע נעמען און וויל דאָ טאַקע באַקענען דעם לעזער מיט זיי.

דעם ערשטן, דעם עלטסטן פון אַלע, פעדיאַן, וואָלט איך געשאַצט אַ יאָר פערצן. דאָס איז געווען אַ שטאַלטנער יינגל מיט שענע און איידעלע, עטוואָס דריבנע געזיכט־שטריכן, מיט געקרייזלט־בלאָנדע האָר, מיט העל־ליכטיגע אויגן און מיט אַ שטענדיגן, האַלב־פרעהליכן, האַלב־צעשטרייטן שמייכל. לויט אַלע סמנים איז ער געווען פון אַ רייך הויז און אין פעלד איז ער אַרויסגעפאָרן ניט איבער נויט, נאָר אַזוי, פאַרברענגען א ביסל. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ פאַרביג סיצענע העמד מיט אַ געלן זוים; דער נייער אַרמיאַק, ניט קיין גרויסער, אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען, האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די שמאָלע פלייצעלאַך. אויפן בלויליכן גאַרטל איז געהאַנגען אַ קעמעלע. די שטיוול מיט די נידעריגע כאָלעוועס זיינען, קענטיג, געווען זיינע אייגענע, ניט דעם טאַטנס. ביים צווייטן יינגל, ביי פּאַוולושאַן, זיינען די האָר געווען צעקאָשמעטע, שוואַרצע, די אויגן גרויע, די באַקן־ביינער—ברייטע, דאָס פּנים בלייך און געשטופּלט, דאָס מויל אַ גרויס, נאָר אַ גלייכס, די גאַנצע קאָפּ אַ גרויסע, ווי אַ דייזשע, דער גוף אַ נידעריגער, ניט רירעוודיגער. הגם

דאָס קליינע ייִנגל איז נישט געווען אַזאַ פאַרשוין, פונדעסטוועגן איז ער מיר געפעלן געוואָרן: ער האָט געקוקט קלוג און גלייך און אין זיין קול האָט זיך געפיהלט אַ קראַפט. מיט זיין קליידונג האָט ער ניט געקאָנט אויסנעמען: סך הכל אַ ברייטע העמד און אַ פאָר פאַרלאַטעטע אונטערהויזן, אויפן פנים ביים דריטן, ביי אילושאַן, איז ניט געווען וואָס צו זעהן, אויסגעצויגן, מיט אַ האָרביגער נאָז, מיט אַ שוואַכער ראיה, איז אויף דעם פנים געלעגן עפּעס אַ מין טעמפּקייט און קרענקליכע פאַרזאָרגטקייט. די צונויפגעפּרעסטע ליפּן זיינע האָבן זיך ניט גערירט, די ברעמען צונויפגעצויגן, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געזשמורעט די אויגן קעגן פייער.. זיינע העל־געלע, כמעט ווייסע האָר האָבן אַרויסגעשטעקט, ווי שפּיציגע צעפּלאַן, פון אונטער דעם נידעריגן פילצענעם היטעלע, וואָס ער האָט אַלע ווײַלע אָנגערוקט מיטביידע הענט איבער די אויערן. ער האָט געטראָגן נייע לאַפּצעס און אָנעטשעס. אַ גראָב שטריקל, דריי מאָל אַרומגעוויקלט אַרום סטאַן, האָט גלאַטיג צונויפגעצויגן זיין ריינע שוואַרצע סוויטקע. הן ער, הן פאַוולושאַ האָבן אויסגעזעהן ניט עלטער פון צוועלף יאָר. דער פערטער, קאָסטיאַ, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צעהן, האָט מיך אויסערסט פאַראינטערעסירט מיט זיין פאַרטראַכטן און אומעטיגן בליק. זיין געזיכט איז געווען ניט קיין גרויס, אַ דאַרס, מיט קליינע און פאַרשפּיצט פון אונטן, ווי ביי אַ וועווריקל. די ליפּן זיינע האָט מען קוים געקאָנט דערקענען. אָבער אַ מאָדנע איינדרוק האָבן געמאַכט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אַ שיטערן גלאַנץ: עס האָט זיך געדאַכט, זיי ווילן זאָגן עפּעס אַזוינס,

וואָס ס׳איז ניטאָ דערפאַר קיין ווערטער אין דער שפּראַך, וועניגסטענס — אין זיין שפּראַך. ער איז געווען קליינוואוקסיג, אַ דאַרינקער, און זעהר אָרים געקליידעט. דעם לעצטן, וואַניאַן, האָב איך צוערשט געווען ווי ניט באַמערקט: ער איז געלעגן אויף דער ערד שטיל אַרונטערגערוקט אונטער אַ קאַנטיגער מאַטע, און נאָר זעלטן האָט ער פון איר אַרויסגעשטעקט זיין טונקל־בלאָנד געקרייזלט קעפּל. דאָס ייִנגל איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר זיבן.

בין איך מיר אַזוי געלעגן אונטערן בוימל אָן אַ זייט און האָב זיך צוגעקוקט צו די ייִנגלאַך. אַ קליין קעסעלע איז געהאַנגען איבער א פייַערל. דאָ האָבן זיך געקאָכט קאַרטאָפל. פּאַוולושאַ האָט אויף זיי אַכטונג געגעבן, איז געשטאַנען אויף די קני און האָט געשטופּט מיט אַ שפּענדל אין דער וואַסער, וואָס האָט געהאַלטן אין פּאַרזידן. פּעדיאַ איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, פונאַנדערגעוואָרפן די פּאָלעס פון זיין אַרמיאַק. אילושאַ איז געזעסן נעבן קאָסטיאַן און האָט אַלץ אָנגעשטרענגט געזשמורעט די אויגן. קאָסטיאַ האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט ערגעץ אין דער ווייט. וואַניאַ האָט זיך ניט גערירט אונטער זיין מאַטע. איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך שלאָף. ביסלאַכווייז האָבן זיך די ייִנגלאַך ווידער צערעדט.

צוערשט האָבן זיי געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן, וועגן דער מאָרגענדיגער אַרבעט, וועגן די פערד; נאָר פּלוצים האָט פּעדיאַ, ווי אומקערנדיג זיך צו אַן איבערגעריסענעם שמועס, זיך אַ ווענד געטאָן צו אילושאַן און אים אַ פרעג געגעבן:

— נו, איז וואָס זשע, האָסטו טאַקע געזעהן דעם דאַמאָוויק? *)

— ניין, געזעהן האָב איך אים ניט, און מ׳קאָן אים גאָרנישט זעהן, — האָט אילושאַ געענטפערט מיט אַ הייזעריג, שוואַך קול, וואָס זיין קלאַנג האָט זעהר געפּאַסט צום אויס־דרוק פון זיין פנים, — נאָר איך האָב געהערט... און ניט נאָר איך אַליין.

— און וואו האַלט ער זיך אויף ביי אייך? — האָט פּאַוולושאַ געפרעגט.

— אין דער אַלטער „ראָלנע״ **)

— איר גייט דען אויף דער פאַבריק?

— ווי דען, מיר גייען, מיר זיינען, איך און מיין ברודער אַוודיושקאַ, רייבערס ***).

— וואָס זאָגסטו צו זיי — אויך מיר פאַבריק־אַרבעטער!

— נו, ווי אַזוי זשע האָסטו אים געהערט? — האָט פעדיאַ געפרעגט.

— ועסט הערן, ס׳האָט זיך געמאַכט מיר מיטן ברו־דער אַוודיושאַן, און מיט פעדאָר מיכייעווסקין, און מיט איוואַשקאַן דעם קאָסאָקן, און מיט נאָך אַ איוואַשקאַן, וואָס פון די רויטע בערגלאַך, און נאָך מיט איוואַשקאַ סוכאָרוקאָוון און נאָך אַנדערע ייִנגלאַך זיינען דאָרט געווען; סך הכל זיינען מיר געווען קינדער אַ מאַן צעהן — אַקוראַט די גאַנצע

---

*) שטוב־לץ.

**) „ראָלנע״ אויף די פּאַפּיר־פאַבריקן רופט זיך אָן יענס געביי, וואו מע שעפּט אויס אין ביטן דאָס פּאַפּיר. זי געפינט זיך ביי דער גרעבלע, אונטערן ראָד.

***) „Лисовщики“, וואָס גלעטן, רייבן דאָס פּאַפּיר.

פּאַרטיע; איז אונז אויסגעקומען צו בלייבן נעכטיגן אין דער „ראָלנע״, ס׳הייסט, ניט גלאַט אויסגעקומען, נאָר נאַזאַראָוו דער שאַפער האָט פּאַרוועֹרט: ער זאָגט: וואָס וועט איר, קינדער, הייסט עס, זיך שלעפּן אַהיים; מאָרגן וועט זיין אַ סך אַרבעט, איז גייט ניט, קינדער, אַהיים.

זייַנען מיר אַזוי געבליבן און ליגן זיך אַלע אינאיינעם, און אַוודיושאַ האָט אָנגעהויבן: וואָס, אַ שטייגער, קינדער, וועט זיין, אַז דער דאָמאָוויק וועט קומען?... און קוים האָט ער, דער דאָזיגער אַוודעי, דאָס אויסגערעדט, אַז עמיצער האָט פּלוצים גענומען אַרומגיין איבער אונזערע קעפּ. מיר זייַנען אָבער געלעגן אונטן און גענומען אַרומגיין האָט ער אויבן ביי דער ראָד. הערן מיר: ס׳גייט, די ברעטער בויגן זיך אונטער אים, קנאַקן. איז ער דורכגעגאַנגען אַזוי איבער אונזערע קעפּ, מיט אַמאָל, אַז דאָס וואַסער איבער דער ראָד הויבט אָן רוישן־רוישן, די ראָד הויבט אָן קלאַפּן־קלאַפּן און זיך דרעהען, און די שליוזן ביים „פּאַלאַצל״ *) זייַנען אַראָפּ־געלאָזט. חידושן מיר זיך: — ווער זשע האָט עס זיי אויפגע־הויבן, וואָס וואַסער האָט גענומען גיין? די ראָד אָבער האָט זיך אַ דרעה געגעבן און שוין, זי שטייט. איז יענער ווידער אַוועק צו דער טיר אַרויף, האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ, לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי, עפּעס ווי ניט געאײַלט, די טרעפּ קרעכצן אַזש אונטער אים... נו, איז יענער צו־געגאַנגען צו דער טיר, צוגעוואַרט — צוגעוואַרט — און די טיר, אַז זי גיט זיך מיט־אַמאָל אַ פּראַל אויף... מיר האָבן זיך

---

*) „פּאַלאַצל״ רופט זיך אָן ביי אונז דאָס אָרט, וואָס איבער דעם לויפט דאָס וואַסער אויף דער ראָד.

אַ וואָרף געטאָן, גיבן אַ קוק — ערשט — גאָרנישט ··· פלוצים זעהען מיר, ביי איין בּיט האָט די פאָרמע *) אָנגעהויבּן זיך רירן, האָט זיך געגעבּן אַ הויב אויף, זיך אונטערגעטוקט, גענומען זיך דרעהען אָט אַזוי אין דער לופטן, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי געשווענקט, און ווידער צוריק אויף אַן אָרט. דערנאָך האָט זיך ביי דער צווייטער בּיט אַ האַקן פון טשוואָק אַראָפּגענומען, און ווידער צוריק אויפן טשוואָק; דערנאָך איז עמיצער ווי צו דער טיר צוגעגאַנגען, און פלוצים, אַז ער פאַרקייכט זיך, עפּעס גאָר ווי אַ מין שאָף אַזעלכע, און אַזוי אין דער הויך ··· מיר זיינען אַלע אין איין קופּקעלע אַנידער־געפאַלן, איינער אונטערן צווייטן אַרונטערגעקראָכן ··· שוין איינמאָל זיך איבּערגעשראָקן!

— זעה נאָר! — האָט פּאַוועל אַ זאָג געטאָן, — וואָס זשע האָט ער זיך צעהוסט?

— כ'ווייס ניט, ס'קאָן זיין פון דער נעץ,
אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס הערט זיך, — האָט פעדיאַ אַ פרעג געטאָן: — די קאַרטאָפּל האָבּן זיך שוין אָפּגעקאָכט?
פּאַוולושאַ האָט זיי אַ טאַפּ געטאָן.

— ניין, נאָך רוי··· הערסט, אַ פּלעסק — האָט ער צו־געגעבּן, אויסגעקערעוועט דעם פּנים צום טייך — ווייזט אויס, אַ העכט ··· און אָט איז אַ שטערנדל אַראָפּגעפאַלן.

— ניין, איך וויל אייך, קינדער, אָט וואָס דערציילן, — האָט קאָסטיאַ אָנגעהויבּן מיט אַ דין קולכל: הערט נאָר,

*) אַ נעץ, מיט וואָס מ'שעפּט דאָס פּאַפּיר.

וואָס דער טאַטע האָט, אַנומעלטן, איך בין דערביי געווען, דערציילט.

— נו, הערן מיר, — האָט פעדיאַ אַ זאָג געטאָן מיט אַ מינע צוליב.

— איר קענט דאָך גאַווריל, דעם טעסלער פון דער סלאָבאָדקע?

— נו, יאָ, ווער קען אים ניט!

— ווייסט איר אָבער, פאַרוואָס איז ער תמיד אַזאַ אומעטיקער, שווייגט כסדר, ווייסט איר פאַרוואָס? אָט פאַרוואָס ער איז אַזאַ פאַרזאָרגטער: געגאַנגען איז ער איין מאָל, האָט געזאָגט דער טאַטע, געגאַנגען איז ער, קינדער, אין וואַלד אַריין נאָך ניס. איז ער געגאַנגען, הייסט עס, אין וואַלד נאָך ניס און האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט. גאָט ווייסט, וואוהין ער איז פאַרגאַנגען. וויפיל ער איז ניט געגאַנגען און געגאַנגען, ניין, — קינדער! ער קאָן ניט טרעפן דעם וועג! און אין דרויסן איז שוין נאַכט. מילא, האָט ער זיך צוגעזעצט הינטער אַ בוים, ס'הייסט, לאָמיך צוּוואַרטן ביז טאָג, — האָט זיך צוגעזעצט און איינגעדרימלט. איז ער אַנטדרימלט געוואָרן, פלוצים, הערט ער, עמיצער רופט אים. ר'גיט אַ קוק, — ניטאָ קיינער. איז ער ווידער אַמאָל אַנדרימלט געוואָרן — ערשט מ'רופט נאָך אַמאָל. קוקט ער און קוקט נאָך אַמאָל: ערשט אַ... אַ וואַסערמיידל זיצט אויף אַ צווייגל פאַר אים, הוידעט זיך און רופט אים צו זיך, און אַליין קייכט זי פאַר געלעכטער, לאַכט... און די לבנה שיינט שטאַרק, אַזוי שטאַרק מ'זעהט, קינדער, אַלץ. אָט רופט זי אים און אַליין איז זי אַזאַ ליכטיגע, אַ ווייסינקע, זיצט אויפן צווייגעלע, ווי אַ קליין

פלאָטקעלע אָדער פיסקאַרל; נאָר אַ קאָרעס, טרעפט, איז אויך אַזאַ בלאַסינקער, אַ זילבערנער... וואָס טויג אייך, קינדער, גאַוורילאָ דער טעסלער איז געבליבן אַ טויטער, און זי טוט זיך אירס, לאַכט און רופט אים אַלץ אַזוי, מיט דער האַנט צו זיך. גאַוורילאַ האָט געוועָן זיך שוין אויפגעהויבן, געוואָלט שוין, קינדער, פאָלגן דאָס וואַסערמיידל, נאָר, ווייזט אויס, גאָט האָט אים אַריינגעגעבן אַ גלייכע דעה; ר'האָט זיך טאַקע איבערגעצלמט... אָבער, ווי שווער איז אים, קינדער, געווען זיך אַ צלם טון: ר'זאָגט; די האַנט איז, פשוט, ווי אַ שטיינערנע, רירט זיך ניט... אַ, דו אַזוינער און אַזוינער, אַ !... אָט, אַז ער האָט זיך איבערגעצלמט, קינדער, האָט דאָס וואַסערמיידל אויפגעהערט צו לאַכן, און פלוצים, אַז זי צעוויינט זיך... וויינט, קינדער, ווישט די אויגן מיט די האָר, און האָר האָט זי גריגע, אָט ווי האַנף. און גאַוורילאַ האָט געקוקט און געקוקט אויף איר, האָט זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן: וואָס וויינסטו, דו וואַלדגרינס? און דאָס וואַסערמיידל, אַז דאָס ענטפערט אים אָפעט: „האָסט ניט געזאָלט זיך איבערצלמען, דו מענש איינער, געוועָן מיט מיר לעבן אין פריידן ביז אייביג און וויינען וויין איך און עק זיך, וואָס דו האָסט זיך איבערגעצלמט; אָבער ניט איך אַליין וועל זיך פייניגן; עקן וועסטו זיך אויך ביזן טויט אַריין!" דאָ איז זי, קינדער, ניט געוואָרן, און גאַוורילאַ האָט באַלד דערקענט, ווי אַזוי פונם וואַלד, הייסט עס, אַרויסצוגיין... נאָר פון דעמאָלט אָן גייט ער אַרום אַזאַ אומעטיגער.

— וואָס אַזאַ קאָן! — האָט פעדיאַ אַ זאָג געטאָן נאָך א קורצן שווייגן, — ווי אַזוי זשע קאָן עס אַזאַ וואַלד־טומאה

שלעכטס טון אַ קריסטליכער נשמה, — ער האָט דאָך ניט געפּאָלגט?

— זעהסט דאָך! — האָט קאָסטיאַ געזאָגט, — גאַווריילאַ האָט דערציילט, אַ קולכל האָט זי אַזאַ מין דינינקס, יאָ־מערליכס, ווי ביי אַ זשאַבע.

— דיין טאַטע האָט דאָס אַליין דערציילט? — האָט פעדיאַ ווייטער געפרעגט.

— ער אַליין. איך בין געלעגן אויף דער שלאָף־באַנק, האָב אַלץ געהערט.

— חידושים! וואָס זשע דאַרף ער זיין אומעטיג? אָבער ער איז איר געפעלן געוואָרן, מסתמא, אַז זי האָט אים גערופן.

— יאָ, געפעלן! — האָט אילושאַ אונטערגעכאַפּט, — וואָ׳דען! זי האָט אים געוואָלט פאַרקיצלען אויף טויט, דאָס האָט זי געוואָלט. אַזוי טוען זיי, די וואַסערמיידלאַך.

— דאָ מוזן אויך זיין וואַסערמיידלאַך — האָט פעדיאַ אַ זאָג געטאָן.

— ניטאָ! — האָט קאָסטיאַ געענטפערט, דאָ איז ריין, פריי. נאָר איין זאַך, דער טייך איז דאָ נאָהענט.

אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אַמאָל האָט זיך ערגעץ ווייט דערהערט אַ יונגער, קלינגענדיגער קלאַנג, כמעט ווי אַ קרעכץ, איינער פון יענע אומבאַגרייפליכע נאַכט־קלאַנגען, וואָס ברעכן אויס צומאָל אין מיטן דער טיפער שטילקייט, הויבן זיך אויף, הענגען אין דער לופט און צע־טראָגן זיך ענדליך, לאַנגזאַם, ווי אויסגייענדיג. הערסט זיך איין, דאַכט זיך, גאָרנישט, און עס קלינגט פאָרט. עפּעס ווי

עֶמיצער האָט לאַנג־לאַנג אויסגעֶשריגן האַרט אונטערן הימל־ראַנד, עֶמיצער אַן אַנדעֶרעֶר האָט אים ווי אָפּגעֶענטפעֶרט אין וואַלד מיט אַ דינעֶם, שאַרפן געלעֶכטער, און אַ שוואַכער פּײַף, ווי צווישן די צײַן, האָט זיך אַ טראָג געֶטאָן איבערן טײַך. די ײנגלאַך האָבן זיך איבערגעקוקט, אויפגעֶציטערט...

— גאָט איז מיט אונז! — האָט איליאַ אַ שעפּטשע געטאָן.

— עֶך, סאָראָקעֶס אײנע, וואָס איר זײנט! — האט פּאַוועל א געֶשרײ געטאָן, — וואָס האָט איר זיך דעֶרשראָקן? גיט בעסעֶר אַ קוק, די קאַרטאָפּל האָבן זיך שוין אָפּגעקאָכט. (אַלעֶ האָבן זיך צוגערוקט צום קעסעלע און האָבן אָנגע־הויבן עסן די קאַרטאָפּל, וואָס פון זיי האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. באָר אײן וואַניא האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. — נו, און דו? — האָט פּאַוועֶל געֶזאָגט.

אָבער ער איז ניט אַרויסגעקראָכן פון אונטעֶר זײַן מאַטעֶ, דאָס קעסעלע האָט זיך גיך אויסגעליידיגט.

— און דאָס האָט זיך ניט לאַנג פאַרלאָפן בײַ אונז אין וואָרנאָוויצעֶ, האָט איר געהעֶרט? — האָט אילושאַ אָנ־געהויבן.

— אויף דער גרעבלע? — האָט פעדיאַ אַ פרעֶג געטאָן.

— יאָ, יאָ אויף דעֶר גרעבלע אויף דעֶר דורכגעריסענער, אָט דאָס איז שוין אײנמאָל אַן אומרײן אָרט, און אַזאַ וויסט. אַרום אַלץ אַזעלכע יאַרעס, ראָיען און די ראָיען זײנען פול מיט „קאָזאָליס“ *).

— נו, איז וואָס זשע האָט זיך געטראָפן? דערצייל...

---

*) שלאַנגען — אויף אָרלאָווער לשון.

— אָט וועט איר הערן! דו׳ פעדיאַ׳ ווייסט׳ מסתמא׳ ניט׳ אָבער דאָרט ביי אונז איז באַגראָבן אַ דערטרונקענער; און דערטרונקען האָט ער זיך שוין זעהר לאַנג׳ ווען דער טייך איז נאָך געווען טיף׳ נאָר דעם קבר זיינעם זעהט מען נאָך׳ אי דאָס קוים־קוים׳ אַזוי זיך׳ אַ בערגעלע··· די טעג רופט דער פריקאַשטשיק דעם הינט־יונג יערמילען און זאָגט: גיי יערמיל׳ הייסט עס׳ אויף פּאָסט· יערמיל פאָרט שטענדיג ביי אונז אויף פּאָסט׳ די הינט זיינע האָט ער אַלע פאַרהונגערט׳ זיי האַלטן זיך עפּעס ניט ביי אים׳ הגם אַ הינט־יונג איז ער אַ גוטער׳ נעמט אויס· איז זיך יערמיל אַוועקגעפאָרן נאָך פּאָסט און האָט זיך פאַרהאַלטן אין שטאָט· צוריק איז ער אָבער שוין געפאָרן פארקנאַקט· און דאָ איז שוין נאַכט און אַ ליכטיגע נאַכט: די לבנה שיינט··· פאָרט יערמיל איבער דער גרעבלע׳ אַזוי איז אים שוין אויסגעקו־מען׳ פאָרט ער זיך אַזוי׳ דער הינט־יונג יערמיל· זעהט: אויף דעם קבר פונם דערטרונקענעם גייט זיך אַרום אַ שעפּס׳ אַזאַ מין ווייסער׳ געקרייזלטער׳ גאָר פיין׳ גיט זיך יערמיל אַ טראַכט: ט׳על איך אים נעמען׳ — צו וואָס זאָל ער גלאַט אומקומען? איז ער אַראָפּגעקראָכן און האָט אים אויף די הענט גענומען··· און דער שעפּס — גאָרנישט· גייט זיך יערמיל אַזוי צום פערד און דאָס פערד קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן׳ — כראָפּעט׳ טרייסלט מיטן קאָפּ; האָט ער דאָס איינגענומען׳ אַרויפגעזעצט זיך מיטן שעפּס און פאָרט ווייטער: דעם שעפּס האַלט ער פאַר זיך· ער קוקט אויף אים׳ און דער שעפּס קוקט אויף אים אַזוי׳ גלייך אין די אויגן אַריין· איז אים ניט צום האַרצן געוואָרן׳ יערמילען׳ דעם הינט־יונג׳

הייסט עס, טראַכט זיך: כ׳געדענק נישט, הייסט עס, שעפּסן זאָלן אַזוי עמיצן אין די אויגן קוקן. נאָר גאָרנישט. האָט ער גענומען אים גלעטן אָט אַזוי איבער דער פעל און זאָגט: ביאַשאַ, ביאַשאַ!.. און דער שעפּס, אז ער שטשערעט אויס מיט־אַמאָל די ציין און מאַכט אויך צו אים אַזוי: ביאַשאַ, ביאַשאַ...

דער דערציילער האָט ניט באַוויזן אַרויסצורעדן דאָס לעצטע וואָרט, אַז די הינט האָבן זיך פּלוצים אַ ריס געטאָן ביידע מיט אַמאָל און מיט אַ פאַרצאַפּלט בילן זיך אַ וואָרף געטאָן פון פייער אַוועק און זיינען פאַרשוואונדן אין דער פינסטערניש. די יינגלאַך האָבן זיך אַלע איבערגעשראָקן. וואַניאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אונטער זיין מאַטע. פאַוולושאַ האָט מיט אַ געשריי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די הינט נאָך. זייער בילן האָט זיך גיך דערווייטערט... ס׳האָט זיך דער־הערט אַן אומרוהיג אַרומלויפן פונם אויפגערודערטן טאַבון. פאַוולושאַ האָט הויך געשריגן: סערי! זשוטשקאַ!.. אין אַ רגע אַרום איז דאָס בילן אַנטשטילט געוואָרן; פאַוועלס קול האָט זיך שוין געהערט פון דער ווייט. ס׳איז אַריבער נאָך אַ קליינע ווײַלע; די יינגלאַך האָבן פאַרוואונדערט געקוקט איינער אויפן צווייטן, ווי אויסוואַרטנדיג, וואָס וועט זיין... פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ טופּען פון אַ פערד, וואָס איז געשפּרונגען גאַלאָפּ. דאָס פערד האָט זיך מיט אַמאָל אָפּ־געשטעלט נעבן פייער, און פאַוולושאַ איז פלינק אַראָפּגע־שפּרונגען פון דעם, צוגעהאַלטן זיך פאַר דער גריווע. ביידע הינט זיינען אויך אַריינגעשפּרונגען אין דער ליכטיגער ראָד און האָבן זיך תּיכף צוגעזעצט, אַרויסגערוקט די רויטע צונגען.

— וואָס איז דאָס, וואָס? — האָבן די ייִנגלאַך געפֿרעגט.

— גאָרנישט, — האָט פֿאַוולושאַ געענטפֿערט, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט אויפֿן פֿערד, — די הינט, ווייַזט אויס, האָבן עפּעס דערשמעקט. כ'האָב געמיינט אַ וואָלף, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ גלייַכגילטיקער שטים, עטעמענדיק האַסטיק מיט דער פֿולער ברוסט.

איך האָב ניט ווילנדיק געקליבן נחת פֿון פֿאַוולושאַן. ער איז זייער ליב געווען די מינוט. זייַן ניט שיין פּנים, דערהיצט פֿונם שנעלן רייַטן, האָט געשייַנט באַהאַרצט און מיט גבורה. בייַנאַכט, אפֿילו אָן אַ ריטל אין האַנט, האָט ער זיך געלאָזט, ניט לאַנג געטראַכט, איינער אַליין אויף אַ וואָלף... „ס'אַ וואויל ייִנגל"! האָב איך געטראַכט, קוקנדיק אויף אים.

— מען האָט דען זיי געזען, די וועלף? — האָט דער פּחדנישער קאָסטיאַ אַ פֿרעג געטאָן.

— זיי זייַנען תּמיד פֿאַראַן אַ סך — האָט פֿאַוועל געענטפֿערט, — טשעפּען, טשעפּען זיי נאָר ווינטער.

ער האָט זיך ווידער אַמאָל צוגעשפּאַרט פֿאַרן פֿייַערל. צוזעצנדיק זיך אויף דער ערד, האָט ער אַראָפּגעלאָזט זייַן האַנט אַ הונט אויפֿן קאַרק, און דער צופֿרידענער הונט האָט לאַנג ניט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ און מיט דאַנקבאַרן שטאָלץ פֿון דער זייַט אַלע מאָל אַ קוק געכאַפּט אויף פֿאַוולושאַן.

וואַניאַ האָט זיך ווידער אַמאָל פֿאַרקליבן אונטער דער מאַטע.

— ס׳אַראַ מיני שרעקליכע מעשיות האָסטו אונז׳ אילושאַ׳ דערציילט׳ — האָט פעדיאַ אַ זאָג געטאָן׳ אַ קינד פון אַ רייכן פויער׳ האָט ער זיך געהאַלטן פאַר עלטער (אַליין האָט ער גערעדט וועניג׳ גלייך ער האָט מוראָ געהאַט׳ ס׳פּאַסט ניט.) —און דאָ האָט נאָך דער ניט־גוטער אָנגעטראָגן די הינט זיך צעבילן... אָבער מיט אַן אמת׳ איך האָב טאַקע געהערט׳ אַז דאָס דאָזיגע אָרט איז ביי אונז עפּעס ניט גלאַט.

— וואַרנאַוויצי? וואָ׳דען׳ נאָך אַ מין וויסט אָרט! מ׳האָט דאָרט׳ זאָגט מען׳ דעם אַלטן פּריץ׳ דעם פאַרשטאָר־בענעם׳ ניט איין מאָל געזעהן; גייט אַרום׳ זאָגט מען׳ אין אַ לאַנגן קאַפּטן און האַלט אין איין קרעכצן׳ זוכט עפּעס אויף דער ערד. דער זיידע טראָפימיטש האָט אים איינמאָל באַגעגנט. — וואָס זוכסטו׳ אַדוני פּריץ איוואַן איוואַנאָוויטש׳ אויף דער ערד?

— ער האָט אים געפרעגט? — האָט פעדיאַ פאַרוואונדערט אים איבערגעשלאָגן.

— אַוודאי׳ געפרעגט.

— אַזוי׳ איז דאָך דער טראָפימיטש גאָר אַ מענש!.. נו׳ איז וואָס זשע יענער?

— דאָס אוצר־גראַז׳ זאָגט ער׳ זוך איך׳ און אזוי פאַר־דעמפּט רעדט ער׳ פאַרדעמפּט: אוצר־גראַז׳ — און צו וואָס דאַרפסטו׳ פּריצל איוואַן איוואַנאָוויטש׳ אוצר־גראַז? ס׳שטיקט׳ זאָגט ער׳ דער קבר שטיקט׳ טראָפימיטש: אַרויס־גיין ווילט זיך אַרויס...

— וואָס זאָגסטו צו אים! — האָט פעדיאַ באַמערקט׳ — ווינציג׳ אפנים׳ זיך אָנגעלעבט!

— אַזוי, אַזוי — האָט קאָסטיאַ אַ זאָג געטאָן, — און איך האָב געמיינט, די טויטע קאָן מען זעהן נאָר שבת־הזכרת־נשמות *).

— אַ טויטן קאָן מען אַלע מאָל זעהן — האָט אילושאַ זיכער איבערגעשלאָגן די ריידי — ווערליג איך האָב באַמערקט, האָט ער מער פאַר אַלעמען געוואוסט אַלע דאָרפס־אבער־גלויבעגישן... — אָבער שבת־הזכרת־נשמות קאָנסטו זעהן אַ לעבעדיגן אויך, ס'הייסט אַזוינעם, וואָס אים איז אָנגעצייכנט צו שטאַרבן. מ'דאַרף נאָר זיך אַוועקזעצן ביינאַכט פאַרן קלויסטער און קוקן כסדר אויפן שלאַך — יענע וועלן פאַר דיר דורכגיין איבערן שלאַך, ס'הייסט, די, וואָס זיי איז אָנגעצייכנט צו שטאַרבן דאָס יאָר. אָט איז ביי אונז פאַראַיאָרן די באָבע אוליאַנאַ געזעסן פאַרן קלויסטער.

— נו, האָט זי עמיצן געזעהן? — האָט קאָסטיאַ נייגיריג אַ פרעג געגעבן.

— ווי דען! פריהער איז זי געזעסן לאַנג־לאַנג, האָט קיינעם ניט געזעהן, ניט געהערט... נאָר עפּעס אַזוי ווי אַ הינטל האָט ערגעץ וואו געבילט... מיט־אַמאָל, זי גיט אַ קוק: ס'גייט איבער דער סטעזשקע אַ יינגעלע אין איין העמדעלע. זי קוקט זיך צו — איוואַשקאַ פעדאָסייעוו גייט...

— יענער, וואָס איז געשטאָרבן פריהיאָר? — האָט פעדיאַ איבערגעשלאָגן.

— יענער, גייט און הויבט ניט אויף דאָס קעפּעלע... אוליאַנאַ אָבער האָט אים דערקענט... דערנאָך אָבער זעהט

*) Родительская суббота — שבת, ווען מע מאַכט הזכרת נשמות די עלטערן אין קלויסטער.

זי: ס׳גייט אַן אַלטיטשקע, זי נעמט זיך גוט איינקוקן, — אַך גאָט אין הימעל! דאָס געהט זי אַליין איבערן שלאַך, טאַקע אוליאַנאַ אַליין.

— טאַקע זי אַליין? — האָט פעדיאַ אַ פרעג געטאָן.

— אויף מיינע נאמנות, זי אַליין!

— נו, איז וואָס, זי איז דאָך נאָך ניט געשטאָרבן?

— וואַרט אויס, ס׳נאָך קיין יאָר ניט אַריבער, דו גיב אָבער אויף איר אַ קוק: קוים וואָס זי זיפּעט.

אַלע זיינען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, פּאַוועל האָט אַ וואָרף געטאָן עטליכע טרוקענע צווייגלאַך אויפן פייער, זיי זיינען מיט אַמאָל שוואַרץ געוואָרן אינם פלוצים אויפ־געפלאַקערטן פלאַם, האָבן גענומען קנאַקן, רויכערן, זיך אויסקרימען, פאַרבויגנדיג אַרויף די אָפּגעבערענטע עקן. דער אָפּשיין פון דעם ליכט האָט זיך, פלאַטערנדיג, אָפּגעשלאָגן אָן אַלע זייטן, דערהויפּט אַרויף. פלוצים האָט זיך אַ ווייסע טויב פון ערגעץ באַוויזן, איז גלייך אַרויפגעפלויגן אויף דעם דאָזיגן אָפּשיין, דערשראָקן זיך געגעבן אַ דרעה אויס אויף איין אָרט, אינגאַנצן באַגאָסן מיטן הייסן גלאַנץ, און איז פאַרשוואונדן, קלינגענדיג מיט די פליגל.

— ווייזט אויס, זיך פון דער היים אָפּגעשלאָגן — האָט פּאַוועל באַמערקט, — איצט וועט זי שוין פליהען, ביז זי וועט אַרויף אויף עפּעס, און וואו זי וועט זיך פאַרשלאָגן, דאָרט וועט זי שוין איבערנעכטיגן ביז באַגינען.

— פּאַוולושאַ! — האָט קאָסטיאַ אַ זאָג געגעבן, איז ס׳ניט אפשר אַ פרומע נשמה אויפן הימל געפלויגן, אַ?

פּאַוועל האָט אַ צווייטן זשמוט צווייגלאַך אַ וואָרף גע־טאָן אויפן פייער.

— ס׳קאָן געמאָלט זיין, — האָט ער לסוף אַ זאָג געטאָן.

— זאָג נאָר, כ׳בעט דיך, פּאַוולושאַ, — האָט פעדיאַ אָנגעהויבן, — ביי אייך אין שאַלאָמאָוואַ האָט מען אויך געזעהן דעם הימל־צייכן *)?

— אַז די זון איז ניט געוואָרן? ווי דען!

— איר׳ט זיך אויך דערשראָקן, וואָס?

— ניט נאָר מיר אַליין. אונזער פּריץ, הגם ער האָט אונז אָנגעזאָגט, זייט וויסן, הייסט עס, איר וועט האָבן אַ הימל־צייכן, איז ווי נאָר ס׳איז פינסטער געוואָרן, דערציילט מען, האָט ער זיך אַליין דערשראָקן, אַ גוואַלד. און אין דער דינסט־שטוב האָט די אַלטע קעכין, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פינסטער, אַ כאַפּ געטאָן די קאָטשערע און אַלע טעפּ אין אויוון צעבראָכן: „ווער וועט איצט עסן, — זאָגט זי, — די וועלט קערט זיך איבער“. דער גאַנצער באָרשטש איז אויסגערונען. און ביי אונז אין דאָרף, טייערינקער, זיינען אַזעלכע קלאַנגען אַרומגעגאַנגען, ווייסע וועלף וועלן אַרומלויפן, הייסט עס, אויף דער וועלט, וועלן מענשן אויפעסן, רויבפויגלען וועלן אַרומפליהען, אָדער מ׳וועט גאָר דערזעהן סאַמע טרישקען **).

— וואָס פאַר אַ טרישקע? — האָט קאָסטיאַ געפרעגט.

*) אַזוי רופן ביי אונז די פּויערים די לקוי־חמה.

**) די מעשה וועגן טרישקען איז, מסתמא, אַן אָפּקלאַנג פון דער לעגענדע וועגן דעם אַנטיקריסט.

— וואָס, דו ווייסט נישט? — האָט אילושאַ אונטער־געכאַפּט מיט היץ: — נו, ברודער, פון וואַנען זשע נעמסטו זיך, אַז דו ווייסט ניט פון טרישקען? ווייזט אויס, אַז אין דאָרף ביי אייך זיצן... ליימענע גולמס, אמתע ליימענע גולמס. טרישקע — דאָס איז אַזאַ מין וואונדערליכער מענטש, קומט ער, און קומען וועט ער אַזאַ מין וואונדערליכער, וואָס מע וועט אים ניט קאָנען נעמען און גאָרניש קאָנען טון: אַזאַ מין וואונדערליכער מענטש וועט דאָס שוין זיין, די פויערים, למשל, ווילן אים נעמען: וועלן אַרויס קעגן אים מיט דרענגלאַך — אָט איז ער ביי זיי אין די הענט, אָבער ער וועט זיי די אויגן פאַרבלענדן — אַזוי פאַרבלענדן, אַז זיי וועלן אַליין אָנהויבן איינער דעם צווייטן שלאָגן, וועלן אים, למשל, אין טורמע פאַרשפאַרן — וועט ער בעטן אים געבן וואַסער פון קריגל אַ טרונק טון: וועט מען אים ברענגען אַ קריגל, גיט ער זיך אַ טונק אונטער און גיי — זוך אים. מע וועט אים שמידן אין קייטן, גיט ער אַ פּאַטש מיט די הענט — בלייבן זיי ניט. נו, וועט ער אַרומגיין, אָט דער טרישקע, דאָרף איין דאָרף אויס, שטאָט איין שטאָט אויס, און ער וועט זיין דער דאָזיגער טרישקע אַ קונצנמאַכער אַ מענטש, וועט קריסטליכע נשמות אַראָפּפירן פון וועג... נו, און טו אים עפּעס... אַזאַ מין פויגל וועט דאָס שוין זיין...

— אַזוי, אַזוי — האָט פּאַוועל צוגעגעבן מיט זיין רוהיג קול, — אָט אַזאַ מין, דאָס האָט מען אויף אים ביי אונז גע־וואַרט. די זקנים האָבן געזאָגט, תיכף ווי נאָר עס וועט זיך באַווייזן דער הימל־צייכן, אַזוי קומט ער, טרישקע. הויבט זיך אָן צו באַווייזן דער הימל־צייכן. דער גאַנצער עולם איז

אַרויס אויף דער גאַס, אין פעלד אַריין, קוקט, וואָס וועט דאָ זיין, און ביי אונז, ווייסט איר דאָך, איז אַן אָרט אַן אָפּנס, פריי. מ׳קוקט – מיט־אַמאָל, עס גייט פון דער סלאָבאָדקע באַרג אַראָפּ עפּעס אַ מין מענטש, אַזאַ ציקאַווער, דער קאָפּ עפּעס אַ מאָדנער, ווי אַ דייזשע... אַז אַלע האָבן זיך צעשריגן: „אָי טרישקע גייט! אָי טריטשקע גייט!" און האָבן זיך געלאָזט לויפן, וואוהין די פיס האָבן געטראָגן... אונזער סטאַראָסטע איז אַריין אין אַ גרוב, די סטאַראָסטיכע האָט זיך פאַרקליבן הינטערן טויער, שרייט ניט מיט איר קול, האָט איר אייגענעם הויף־הונט אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט זיך פון קייט אָפּגעריסן און היידאַ איבערן פלויט אין וואַלד אַריין. און קוזקיס פאָטער, דאָראָפּעאיטש, איז אַריין אין האָבער אַריין, האָט זיך צוגעזעצט און גענומען שרייען, ווי אַ וואַכטל: ס׳הייסט, אפשר וועט ער, דער רוצח, כאָטש אויף אַ פויגל רחמנות האָבן. אָט אַזוי האָבן זיך אַלע איבערגעשראָקן!... און דער דאָזיגער מענטש, דאָס איז געגאַנגען אונזער באָנדער וואַווילע: האָט זיך אַ נייעם צעבער געקויפט און האָט דעם דאָזיגן ליידיגן צעבער זיך אויפן קאָפּ אָנגעטאָן.

אַלע ייִנגלאַך האָבן זיך צעלאַכט און זיינען ווידער אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי דאָס טרעפט זיך אָפט מיט מענטשן, ווען מ׳שמועסט אויף דער פרייער לופט. איך האָב אַ קוק געטאָן אַרום: געהויבן, מלכותדיג איז די נאַכט געווען; אָנשטאָט דער פייכטער פרישקייט פון שפּעט־אָוונט איז געקומען די טרוקענע וואַרימקייט פון האַלבער נאַכט, און נאָך לאַנג האָט זי געהאַט צו ליגן, ווי אַ ווייכער צו־

דעק אויף די פֿאַרשלאָפֿענע פֿעלדער; נאָך ווייט איז געבליבן ביזן ערשטן מורמל, ביז די ערשטע טוי־טראָפּן פֿונם באַ־גינען. קיין לבנה איז אויפֿן הימל ניט געווען: זי איז דע־מאָלט שפּעט אויפֿגעגאַנגען. גאָלדיגע שטערן אָן אַ צאָל, האָט זיך געדאַכט, האָבן אַלע שטיל געפֿליסט, פֿינקלענדיג איינער שטאַרקער פֿאַרן צווייטן צום מילך־וועג צו; אויף וואָר, קוקנדיג אויף זיי, האָט איר עפּעס אַליין ווי אומקלאָר געפֿיהלט דעם האַסטיגן לויף פֿון דער ערד, וואָס שטעלט זיך קיין מאָל ניט אָפּ... אַ מאָדנער, שאַרפֿער, קרענקליכער געשריי האָט זיך פּלוצים דערהערט צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אויפֿן טייך, און אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך איבערגעחזרט שוין ווייטער...

קאָסטיאַ האָט אַ ציטער געטאָן... "וואָס איז דאָס?"

— דאָס שרייט דער רייהער, — האָט פּאַוועל רוהיג געענטפֿערט.

— דער רייהער, — האָט קאָסטיאַ איבערגעחזרט,

— וואָס האָב איך אָבער, פּאַוולושאַ, נעכטן געהערט, — האָט ער צוגעגעבן צושווייגנדיג אַ ביסל, — אפֿשר ווייסטו?..

— וואָס האָסטו געהערט?

— אָט וואָס איך האָב געהערט. געגאַנגען בין איך פֿון קאַמענע גריאַדאַ קיין שאַשקינע; און געגאַנגען בין איך צוערשט אַלץ מיטן ניסנוועלדל אונזערן, און דערנאָך בין איך אַוועק מיט דער לאָנקע, ווייסט, דאָרט, וואו זי פֿאַרקערעוועט זיך מיט אַ מאָל אין דעם ראָי; דאָרט איז דאָך פֿאַראַן אַ טיפֿע גרוב מיט שניי־וואַסער; ווייסט, וואָס איז נאָך אַלץ אינגאַנצן פֿאַרוואַקסן מיט טשערעט; בין איך מיר געגאַנגען, קינדער,

הייסט עס, נעבן אָט דער גרוב און מיט־אַמאָל, אַז עמיצער הויבט אָן פון יאַר צו קרעכצן אַזוי יאָמערליך, קלאָגנדיג: אוּ־אוּ··· אוּ־אוּ··· אוּ־אוּ··· עס איז אויף מיר, קינדער, אָנגעפאַלן אַזאַ פּחד: ס׳שוין געווען שפּעט, און דאָס קול איז אַזאַ יאָמערליכס, אַז, דאַכט זיך, בין אַליין געווען גרייט זיך צעוויינען··· וואָס האָט דאָס געקאָנט זיין אַזוינס?

— אין דער דאָזיגער גרוב האָבן פאַראַיאָרן גנבים דערטרונקען אַקימען דעם וואַלד־היטער, — האָט פּאַוולושאַ באַמערקט, — קאָן זיין, אַז דאָס קלאָגט זיך זיין נשמה.

— ס׳נאָך אַזוי אויך גוט, קינדער, — האָט קאָסטיאַ גע־ענטפערט און האָט נאָך ברייטער אויפגעריסן זיינע אַזוי אויך גרויסע אויגן, — איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז מע האָט אין דער דאָזיגער גרוב אַקימען דערטרונקען: אוי, וואָלט איך זיך ערשט דערשראָקן!

— און מ׳זאָגט נאָך, ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע ברעקעלאַך זשאַבקעלאַך, — האָט צוגעגעבן פּאַוולושאַ, — וואָס שרייען אַזוי קלאָגנדיג.

— זשאַבקעלאַך? נו, ביין, דאָס זיינען ניט קיין זשאַבקע־לאַך··· ווי קומען זיי··· (דער רייהער האָט ווידער אַ געשריי געטאָן איבער טייך) — צו זיין קאָפּ!··· — האָט קאָסטיאַ ניט ווילנדיג אַ זאָג געטאָן; — שרייט עפּעס נאָר ווי אַ וואַלד־רוח.

— דער וואַלד־רוח שרייט ניט, ער איז אַ שטומער — האָט אילושאַ אונטערגעכאַפּט, — ער פּאַטשט נאָר מיט די הענט און קנאַקט···

— האָסט אים געזעהן, דעם וואַלד־רוח, וואָס? — האָט אים פעדיאַ איראָניש איבערגעשלאָגן.

— איך ניט, באַהיט זאָל מען ווערן! אָבער אַנדערע האָבן אים יאָ געזעהן, אָט האָט ער די טעג ביי אונז אַ פויער אַרומ־געפירט: געפירט און געפירט אים איבערן וואַלד און אַלץ אַרום איין אָפּענעם פּלאַץ... קוים צו טאָג זיך אַהיים דערשלאָגן.

— נו, און ער האָט אים געזעהן?

— אודאי! ר׳זאָגט, ער שטייט אַזאַ גרויסער, גרויסער, טונקעלער, אַ באַהאַלטענער, אָט אַזוי עפּעס ווי הינטער אַ בוים, שווער צו דערגיין אַקוראַט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר דער לבנה אויסבאַהאַלטן, און קוקט, מיט אויגאַנעס, פינטלט מיט זיי, פּינטלט...

— אָט האָסטו! — האָט פעדיאַ אויסגעשריגן עטוואָס אויפגעציטערט און האָט אַ ציה געגעבן מיט די אַקסלען — פּפוּ!

— און מיט אַן אמת, — האָט פּאַוועל באַמערקט, — צו וואָס האָט זיך די דאָזיגע טמא־זאַך אויף דער וועלט צע־לאָזט?

— שעלט זיך ניט, זעה נאָר, ער וועט נאָך דערהערן — האָט איליאַ באַמערקט. ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן.

— קוקט נאָר, קוקט נאָר, קינדער, — האָט זיך פלוצים דערהערט וואַניאַס קינדערש קול, — גיט נאָר אַ קוק אויף גאָטס שטערנדלאַך, — עפּעס גאָר, ווי די בינען.

ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין פרישׁ פּנימל פון אונטער דער מאַטע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן הענטל און האָט

פאַמעליך אויפגעהויבן זיינע גרויסע מילדע אויגן אַרויף — אַלע יינגלאַכס אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל און האָבן זיך ניט גיך אַראָפּגעלאָזט.

— וואַניאַ, — האָט פעדיאַ גוטהאַרציג אָנגעהויבן, — וואָס מאַכט דיין שוועסטער אַניוטאַ, געזונט?

— געזונט, — האָט וואַניאַ געענטפערט, שטאַמלענדיג.

— דו זאָג איר, פאַרוואָס קומט זי ניט צו אונז?

— כ'ווייס ניט.

— דו זאָג איר, זאָל זי קומען.

— כ'וועל זאָגן.

— דו זאָג איר, איכ'ל איר אַ מתנה געבן.

— און מיר?

— דיר אויך.

וואַניאַ האָט אַ זיפץ געטאָן.

— ניין, איך דאַרף ניט. גיב בעסער איר: זי איז ביי אונז אַזאַ גוטינקע.

און וואַניאַ האָט נאָך־אַמאָל אַנידערגעלעגט זיין קאָפּ אויף דער ערד. פּאַוועל איז אויפגעשטאַנען און האָט גע־נומען אין האַנט דאָסליידיגע קעסעלע.

— וואוהין גייסטו? — האָט אים פעדיאַ אַ פרעג געטאָן.

— צום טייך, אָנשעפּן וואַסער: ס'האָט זיך פאַרגלוסט אַ טרונק.

די הינט האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אים נאָכ־געגאַנגען.

— זע נאָר, פאַל ניט אַריין אין טייך! — האָט אים איליושאַ נאָכגעשריגן.

— וואָס זאָל ער עפּעס אַריינפֿאַלן? — האָט פֿעדיאַ געזאָגט, — ער וועט זיך היטן.

— יאָ, ר׳וועט זיך היטן. ס׳טרעפֿט זיך, ער וועט זיך אָנבויגן, וועט אָנהויבן שעפּן וואַסער און דער וואַסער־רוח — אַ כאַפּ פֿאַר דער האַנט און צו זיך אַוועקגעשלעפּט! וועט מען נאָכדעם נעמען דערציילן מעשׂיות: אַרײַנגעפֿאַלן, הייסט עס, דער יונג אין וואַסער אַריין... גוט אַרײַנגעפֿאַלן... אָט איז ער אַרײַנגעקראָכן אינם טשערעט, — האָט ער, זיך איינהערנדיק, צוגעגעבן.

דער טשערעט האָט ווירקלעך, זיך צערוקט, „געשורשעט“, ווי מע זאָגט ביי אונז.

— ס׳טאַקע אמת, — האָט קאָסטיאַ געפֿרעגט, — אַז אַקולינאַ די תּמעוואַטע איז פֿון זינען אַראָפּ, זינט זי איז אין וואַסער געווען?

— פֿון דעמאָלט אָן... וואָס זאָגסטו אויף איר איצט! אָבער פֿריהער, זאָגט מען, איז דאָס געווען אַ שענקייט! דער וואַסער־רוח האָט זי קאַליע געמאַכט. ר׳האָט זיך, ווייזט אויס, ניט גערעכנט, אַז מ׳וועט זי אַזוי גיך אַרויסשלעפּן. האָט ער זי דאָרט ביי זיך אויפֿן גרונט קאַליע געמאַכט.

איך אַליין האָב ניט איינמאָל באַגעגנט די דאָזיקע אַקולינע, איינגעהילט אין שמאַטעס, אַ שרעקלעך מאָגערע, מיט אַ פּנים, שוואַרץ ווי קויל, מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק און מיט שטענדיק שטשירענדיקע ציין, טאָפּטשעט זי זיך שעהן־לאַנג אויף איין אָרט, ערגעץ־וואו אויפֿן שליאַך, שטאַרק צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט און לאַנגזאַם זיך איבערבויגנדיק פֿון איין פֿוס אויף דער צווייטער, ווי

אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג. וואָס מע זאָל איר ניט זאָגן, פאַרשטייט זי גאָרנישט ניט, און נאָר זעלטן ווען זי לאַכט פאַרקלעמט.

— מ׳זאָגט — האָט קאָסטיאַ ווייטער געזאָגט, — אַקולינאַ האָט זיך דערפאַר אַריינגעוואָרפן אין טייך, ווייל דער פאָ־לובויניק האָט זי אָפּגענאַרט.

— טאַקע איבער דעם.

— און וואַסיאַ געדענקסטו? — האָט קאָסטיאַ טרויעריג צוגעגעבן.

— וואָסערן וואַסיאַן? — האָט פעדיאַ געפרעגט.

— אָט יענעם, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן, — האָט קאָסטיאַ געענטפערט, — אין דעם דאָזיגן טייך. ס׳אַראַ ייִנגל דאָס איז געווען! אַך, אַ מין ייִנגל! זיין מאַמע, פעליקסטאַ, ווי זי האָט דאָס אים ליב געהאַט, וואַסיאַן, הייסט עס! און עפּעס ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, פעליקסטאַן, הייסט עס, אַז ער וועט פון וואסער אומקומען. ס׳פלעגט זיך מאַכן, וואַסיאַ גייט מיט אונז, ייִנגלאַך, זומער צום טײַך זיך באָדן, איז פלעגט זי ווערן אויסער זיך. אַנדערע ווייבער גאָרנישט, גייען שאָקלענדיג זיך מיט די מולטערס, אָבער פעליקסטאַ פלעגט געבן אַ שטעל אַנידער די מולטער אויף דער ערד און גענומען אים רופן: גיי צוריק, גיי צוריק, מיין האַרץ! אוי קער זיך אום, פויגעלע מיינס! און איין גאָט ווייסט, ווי ער איז דערטרונקען געוואָרן. האָט זיך געשפּילט ביים ברעג, און די מוטער איז אויך דאָ געווען, האָט היי צונויפ־געשאַרט. פלוצים הערט זי עפּעס ווי עמיצער לאָזט בול־בעלאַך אויפן וואַסער, — זי גיט אַ קוק — אויפן וואַסער שווימט

שוין נאָר איין וואַניאַס היטעלע אַליין. פון דעמאָלט אָן איז פעליקסטאַ ניט ביי די געדאַנקען: קומט און לעגט זיך אַוועק אויף יענעם אָרט, וואו ער איז דערטרונקען געוואָרן; ליגט אַזוי, קינדער, הויבט אָן אַ לידעלע זינגען, — איר געדענקט, וואַסיאַ פלעגט כסדר אָט אַזאַ לידעלע זינגען — איז אָט אָ דאָס לידעלע הויבט זי אָן זינגען און אַליין וויינט זי, וויינט, קלאגט זיך ביטער פאַר גאָט.

— אָט גייט פּאַוולושאַ, — האָט פעדיאַ אַ זאָג געטאָן.

פּאַוועל איז צוגעגאַנגען צום פייער מיט אַ פול קעסעלע אין האַנט.

— נו, וואָס, קינדער, — האָט ער אָנגעהויבן, צוגעשוויגן, — ס'האַלט שמאָל.

— וואָס איז דען? — האָט קאָסטיאַ איילִיג אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב געהערט וואַסיאַס קול.
אַלע האָבן אויפגעציטערט.

— וואָס זאָגסטו, וואָס? — האָט קאָסטיאַ קוים אויסגערעדט.

— אויף נאמנות! איך האָב זיך נאָר אָנגעהויבן איינבויגן צום וואַסער, מיט אַמאָל הער איך, עס רופט מיך אַזוי, ווי וואַסיאַס קול און עפּעס ווי פון אונטערן וואַסער: „פּאַוולושאַ, אַ, פּאַוולושאַ, גיי נאָר אַהער". בין איך אַוועקגעגאַנגען. וואַסער האָב איך דאָך אָנגענומען.

— אַך, גאָטעניו! גאָטעניו! — האָבן די יינגלאַך זיך געצלמט.

— דאָס האָט דיך, פּאַוועל, גאָר דער וואַסער־רוח גע־רופן, — האָט פעדיאַ צוגעגעבן... און מיר האָבן נאָר וואָס געהערט פון אים, פון וואַסיאַן, הייסט עס.

— אַך, דאָס איז אַ שלעכטער סימן, — האָט אילושאַ פּאַמעליך אַ זאָג געגעבן.

— נו, גאָרנישט, זאָל זיין אַזוי! — האָט פּאַוועל אַנט־שלאָסן געזאָגט און זיך ווידער אַמאָל אַוועקגעזעצט; פון אַ באַשערטער זאַך וועסטו זיך ניט אויסדרעהען.

די יינגלאַך זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז קענטיג געוועזן, פּאַוועלס רייד האָבן אויף זיי אַ שטאַרקן רושם גע־מאַכט. זיי האָבן זיך גענומען איינאָרדענען נעבן פייער, ווי זיך שלאָפן געקליבן.

— וואָס איז דאָס? — האָט קאָסטיאַ פלוצים אַ פרעג געטאָן, אויפהייבנדיג דעם קאָפּ. פּאַוועל האָט זיך איינגע־הערט.

— דאָס פליהען די שנעפּן, צופייפנדיג.

— וואוהין זשע פליהען זיי דאָס?

— אַהין, וואו, מ'זאָגט, ס'איז קיין ווינטער ניטאָ.

— פאַראַן דען אַזאַ לאַנד?

— פאַראַן.

— ווייט?

— ווייט, ווייט, פון יענער זייט וואַרעמע ימים.

קאָסטיאַ האָט אַ זיפץ געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן.

עס איז שוין אַריבער מער ווי דריי שעה, זינט איך האָב זיך צוגעזעצט צו די יינגלאַך. די לבנה איז, ענדליך,

אויפגעגאַנגען: איך האָב זי ניט גלייך באַמערקט, אַזוי קליין און שמאָל איז זי געווען. די דאָזיגע נאַכט אָן אַ לבֿנה, האָט זיך גערעכנט, איז געווען נאָך אַלץ אַזוי פּרעכטיג, ווי פֿריהער... נאָר אַ סך שטערן, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג געשטאַנען הויך אין הימל, האָבן זיך שוין גענייגט צום טונקעלן ראַנד פֿון דער ערד; אַלץ אַרום איז שטיל־שטיל געוואָרן, ווי עס ווערט, געוועהנליך, שטיל נאָר צו פֿריה־מאָרגן צו: אַלץ איז געשלאָפֿן מיט אַ שטאַרקן אומבאַוועג־ליכן, פֿאַרטאָגעדיגן שלאָף. אין דער לופֿט האָט שוין ניט אַזוי שטאַרק געשמעקט, — עס האָט זיך אין איר עפּעס ווי נאָך אַמאָל צעגאָסן אַ פֿייכטקייט... ניט לאַנג זיינען די זומער־דיגע נעכט!.. דער שמועס פֿון די יינגלאַך איז אויסגעלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט די פֿייערלאַך... אפילו די הינט האָבן געדרימלט; די פֿערד, אויף וויפֿיל איך האָב געקאָנט דער־קענען ביי דער קוים־קוים שימערירנדיגער ליכט, וואָס האָט זיך שוואַך געגאָסן פֿון די שטערן, זיינען אויך געלעגן אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ... אויף מיר איז אָנגעפֿאַלן עפּעס אַ שוואַכע פֿאַרשכּורונג, וואָס איז אַריבער אין אַ דרימל.

אַ פֿרישער שטראָם איז איבערגעלאָפֿן איבער מיין פּנים. איך האָב געעפֿנט ביידע אויגן: עס האָט אָנגעהויבן שאַרען אויף טאָג. דער באַגינען האָט זיך נאָך אין ערגעץ נישט געררויטלט, נאָר ס'האָט שוין אָנגעהויבן זיך אויסבלייכן דער מזרח. אַלץ אַרום איז געוואָרן צו זעהן, הגם נאָך גאַנץ אומקלאָר. דער בלייך־גרויער הימל האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיג, קאַלט, בלוי; די שטערן — אַט האָבן זיי געפֿינקלט מיט אַ שוואַכער ליכט, אָט זיינען זיי פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

די ערד איז געוואָרן פייכט, די בלעטער האָבן אָנגעהויבן שוויצן; דאָ און דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן לעבעדיקע קלאַנגען, שטימען און אַ שיטער פרימאָרגן־ווינטעלע האָט גענומען אַרומדרעהען זיך און שוועבן איבער דער ערד. מיין גוף האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ לייכטן פריידיקן ציטער. איך בין פלינק אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו די יינגלאַך. זיי זיינען אַלע געשלאָפן ווי דערהרגעטע נעבן דעם פייער, וואָס האָט געטליעט. נאָר איין פּאַוועל האָט זיך אויפגעהויבן אויף העלפט און אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף מיר.

איך האָב זיך צו אים אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און בין זיך אַוועקגעגאַנגען מיין וועג, לאַנגאויס דעם טייך, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו נעפּלען. איך בין נאָך ניט אָפּגעגאַנגען קיין צוויי ווערסט, אַז עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן אַרום מיר איבער דער ברייטער נאַסער לאָנקע, און פון פאָרנט איבער די בערגלאַך, וואָס האָבן אָנגעהויבן שוין גרינען, פון וואַלד צו וואַלד, און פון הינטן, איבער דעם לאַנגן שטויביקן שלאַך, איבער די שימערנדיקע רויט־באַפאַרבטע קוסטעס, און איבער דעם טייך, וואָס האָט שעמעוודיק געבלויט פון אונטער דעם שיטערווערנדיקן נעפּל,— עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן צוערשט פורפור, דערנאָך רויטע גאָלדענע שטראָמען פון דער יונגער הייסער ליכט... אַלץ האָט זיך גענומען רירן, האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך צעזונגען צערוישט, צערעדט. די גרינע טוי־טראָפּנס האָבן זיך אומעטום ווי שטראַלנדיקע דימענטן פאַררויטלט. גלאָקן־קלאַנגען, ריינע און קלאָרע, עפּעס אויך ווי אָפּגעוואַשענע פון דער פריהמאָרגן־קילקייט, האָבן זיך געטראָגן מיר

אַנטקעגן, און פּלוצים איז דער אפגערוהטער טאַבון דורכגעלאָפן גאַלאָפּ פאַר מיר, געטריבן פון די באַקאַנטע ייִנגלאַך.

צום באַדויערן, מוז איך צוגעבן, אַז דאָסזעלבע יאָר איז פּאַוועל געשטאָרבן. ער איז ניט דערטרונקען געוואָרן: ער האָט זיך דערהרגעט, אַראָפּגעפאַלן פון פערד. אַ שאַד, אַ וואוילער יונג געווען.

בירּיוק

איך בין געפּאָרן פאַרנאַכט פון דעם געיעג איינער אַליין אויף אַ רייטוועגעלע. ביז צו דער היים איז געווען אַ ווערסט אַכט. מיין גוטער יאָג־פערד איז אונטערגעלאָפן איבערן שטויביגן שלאַך, פון צייט צו צייט צוגעכראָפּעט און געפּאָכט מיט די אויערן. דער פאַרמאַטערטער הונט איז ווי אַ צו־געבונדענער ניט אָפּגעטראָטן פון די הינטערשטע רעדער. עס האָט זיך אָנגערוקט אַ געוויטער פון פאָרנט. פון יענער זייט וואַלד האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן אַן אומגעהייערע לילאַפאַרביגע כמאַרע; איבער מיר און מיר אַנטקעגן האָבן זיך געטראָגן לאַנגע, גרויע שטיקער וואָלקענס. די קוסטעס האָבן זיך אומרוהיג געוויגט און געמורמעלט. די שטיקנדיגע היץ איז מיטאַמאָל אַראָפּ און ס'איז געוואָרן פייכט־קיל. די שאָטנס האָבן אָנגעהויבן מיטאַמאָל געדיכט ווערן. איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן דאָס פערד מיט די לייצעס, כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ראָי, בין אַריבער אַן אויסגעטריקנט טייכל, וואָס איז אינגאַנצן פאַרוואַקסן געווען מיט לאָזעס, זיך פאַרנומען באַרג ארויף און בין אַריין אין אַ וואַלד. דער וועג האָט זיך פאַר מיר געשלענגעלט צווישן געדיכטע ניסנ־קוסטעס, וואָס זיינען שוין אין טונקלקייט איינגעהילט גע־ווען. ס'איז שווער געוואָרן צו פאָרן. דאָס רייטוועגעלע

איז געשפרונגעֶן איבעֶר האַרטעֶ וואָרצלעֶן פון הונדעֶרט־יאָריגעֶ דעֶמבעֶס און לינדן־בוימעֶר, וואָס האָבן דורכאַנאַנד דורכגעשניטן די טיפעֶ אין דעֶר לעֶנג אויסגעֶמילעטעֶ גריב־לאַך, סימנים פון רעֶדער. מיין פעֶרד האָט אָנגעהויבן פאַלן פון די פיס. אין דעֶר הויך האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן הודזשען אַ שטאַרקעֶר ווינט, די בוימעֶר האָבן זיך צעֶרוישט — גרויסעֶ רעֶגן־טראָפּן האָבן אָנגעֶהויבן הילכיג קלאַפּן, פּאַטשן איבעֶר די בלעטעֶר, ס׳האָט אַ בליץ געֶטאָן, דאָס געוויטעֶר האָט אויסגעֶבראָכן, דעֶר רעֶגן האָט אַ גאָס געגעֶבן ווי פון אַן עמער. איך האַב גענומעֶן פאָרן טריט־ביי־טריט און זיך געמוזט אָפּשטעֶלן. מיין פעֶרד האָט געֶזונקעֶן אין דעֶר בלאָטעֶ, איך האָב ניט געֶזעֶהן די שיין פאַר זיך, איך האָב זיך קוים צוגעֶשפאַרט צו אַ ברייטן קוסט, איינגעֶהויקערט און פאַרשטעֶלט דעֶם פּנים, האָב איך מיט געדולד געוואַרט, עֶס זאָל נעֶמעֶן אַ סוף צום רעֶגן — עֶרשט פּלוצים האָט זיך מיר ביי דעֶר שיין פון אַ בליץ אויסגעֶדאַכט עפעס אַ הויכעֶ פיגור אויפן שלאַך. איך האָב גענומעֶן זיך שאַרף איינקוקן אין יעֶנעֶר זייט, — די זעֶלבע פיגור איז ווי פון אונטעֶר דעֶר עֶרד נעֶבן מיין וועֶגעלעֶ אויסגעֶוואַקסן.

— ווער איז? — האָט אַ פרעֶג געֶטאָן אַ הויכעֶ שטים.

— און דו ווער ביסט?

— איך בין דער היגעֶר וואַלדהיטעֶר.

איך האָב אָנגעֶרופן מיין נאָמעֶן.

— אַ, כ׳וויים! איר פאָרט אַהיים?

— אַהיים. אָבעֶר, זעֶהסט, אַ מין געֶוויטעֶר.

— יאָ, אַ געֶוויטעֶר, — האָט די שטים געֶעֶנטפעֶרט.

אַ ווייסער בליץ האָט באַלויכטן דעם וואַלדהיטער פון קאָפּ ביז פיס. תּיכף נאָכן בליץ האָט זיך דערהערט אַ קנאַ־לנדיגער אָפּגעריסענער דונער־קנאַק. דער רעגן האָט אַ שטראָם געטאָן מיט אַ דאָפּלטער קראַפט.

— ער וועט ניט אַזוי גיך איבערגיין — האָט ווייטער געזאָגט דער וואַלדהיטער.

— מילא, וואָס זאָל מען טון.

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך דורכפירן צו מיין שטוב, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אַ, זיי אַזוי פיל גוט.

— זייט זיך מטריח זעצן.

ער איז צוגעגאַנגען צום פערדס קאָפּ, האָט אים אָנגענומען פאַרן צוים און אַ שלעפּ געטאָן פון אָרט. מיר האָבן זיך אַ ריר געטאָן. איך האָב זיך געהאַלטן פאַרן קישעלע אויפן רייטוועגעלע, וואָס האָט זיך געוויגט „ווי אַ שיפל אויפן ים“ און האָב גערופן דעם הונט. מיין שקאַפּע האָט נעביך שווער געטיאָפּקעט מיט די פיס אין דער בלאָטע, האָט זיך געגליטשט, געשטרויכלט. דער וואַלדהיטער האָט זיך ווי אַ שאָטן געשאָקלט הין און הער פאַר די האָלאָבלעס. מיר זיינען געפאָרן גאַנץ לאַנג. ענדליך האָט מיין פירער זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט זיינען מיר אין דער היים, פריץ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ רוהיגער שטים. דאָס טירל האָט אַ סקריפּ געטאָן, עטליכע הינטלאַך האָבן זיך מיט אַמאָל צעבילט. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ביי דער שיין פון אַ בליץ דערזען אַ קליין שטיבל אין מיטן אַ ברייטן

הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט. פון איין פענסטערל האָט טונקל געלויכטן אַ פייערל. דער וואַלדהיטער האָט צוגעפירט דאָס פערד ביזן גאַניק און גענומען קלאַפּן אין טיר.

— באַלד, באַלד! — האָט געענטפערט אַ דין קולכל, עס האָט זיך דערהערט אַ טופּען פון באָרוועסע פיס, דער ריגל האָט אָנגעהויבן סקריפּען, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, אין אַ העמדעלע, אונטערגעבונדן מיט אַ קרייקעלע, און מיט אַ לאַמטערן אין האַנט.

— לייכט נאָר צו דעם פריץ, — האָט ער איר געזאָגט: — און איך וועל אַוועקשטעלן אייער וועגעלע אונטער דער שאָפּע.

דאָס מיידעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

איך האָב זיך געלאָזט נאָך איר נאָכגיין.

דעם וואַלדהיטערס שטוב איז געווען בסך הכל איין צימער, פאַררויכערט, נידעריג און ליידיג, אָן שלאָף-בענק און אָהן שיידוואַנטלאַך. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ צעריסענער פעלץ. אויף אַ באַנק איז געלעגן אַן איינרעדיגע ביקס, אין אַ ווינקעלע האָט זיך געוואַלגערט אַ הויף שמאַטעס; נעבן אויוון זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע טעפּ. אויפן טיש האָט געברענט אַ קינעלע, וואָס האָט אומעטיג אויפגעפלאַקערט און געלאָשן זיך. אין סאַמע מיט שטוב איז געהאַנגען אַ וויגעלע, צוגעבונדן צום עק פון אַ לאַנגן שטאַנג. דאָס מיידעלע האָט פאַרלאָשן דעם לאַמטערן, האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע און גענומען

מיט דער רעכטער האַנט שאָקלען דאָס וויגעלע און מיט דער לינקער — צורעכט מאַכן דאָס קינעלע. איך האָב אַ קוק געטאָן אַרום זיך און עס איז מיר אומעטיג געוואָרן אויפן האַרצן: ניט פרעהליך איז אַריינצוקומען ביינאַכט אין אַ פויערשער שטוב. דאָס קינד אין וויגעלע האָט שווער און האַסטיג געאָטעמט.

— דו ביסט דען דאָ איינע אַליין? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דאָס מיידעלע.

— אַליין, — האָט זי קוים אויסגערעדט, קוים צו הערן.

— דו ביזט דעם וואַלדהיטערס מיידל?

— דעם וואלדהיטערס, — האָט זי גאַנץ שטיל געזאָגט.

די טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן און דער וואַלדהיטער האָט אַ שפּאַן געגעבן מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ איבער דער שוועל. ער האָט אויפגעהויבן פון דיל דעם לאַמטערן, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָנגעצונדן דעם ברענ־קנויט.

— איר זיינט, מסתמא, ניט צוגעוועהנט צו אַ קינעלע!

— האָט ער אַ זאָג געגעבן און אַ טרייסל געטאָן מיט דעם קאָפּ האָר.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים. זעלטן ווען עס האָט זיך מיר געמאַכט זעהן אַזאַ בראַוון מאַן. ער איז גע־ווען הויכגעוואַקסן, ברייטביינערדיג און פעסט. פון הינטער דער נאַסער אָפענער העמד האָבן זיך בולט אַרויסגעזעהן זיינע שטאַרקע מוסקלען. אַ שוואַרצע געקרייזלטע באָרד האָט ביז האַלב פאַרדעקט זיין כמורן דרייסטן פנים; פון

אונטער די צונויפגעוואַקסענע ברייטע ברעמען האָבן דרייסט אַרויסגעקוקט ניט קיין גרויסע ברוינע אויגן. ער האָט זיך לייכט אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן די זייטן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר.

איך האָב אים באַדאַנקט און געפרעגט, ווי אַזוי הייסט ער.

— מע רופט מיך פאָמאַ — האָט ער געענטפערט: — און מיין צונאָמען איז ביריוק *).

— אַ, דאָס ביזטו ביריוק?

איך האָב מיט דאָפּלטן נייגער אַ קוק געטאָן אויף אים. פון מיין יערמאָלאַיען און פון אַנדערע האָב איך זיך אָנגעהערט מעשות פונם וואַלדהיטער ביריוק, וואָס אַלע אַרומיגע פויערים האָבן פאַר אים מורא געהאַט, ווי פאַר פייער. לויט זייערע רייד, איז אויף דער וועלט נאָך ניט געווען אַזאַ מין מייסטער פון זיין אַרבעט: „אַ בינטל טרוקענע צווייגן וועט ער דיר ניט לאָזן אַוועקשלעפּן; תמיד, צו יעדער צייט, אפילו אין מיטן האַלבער נאַכט איז ער דאָ, פאַלט אַראָפּ ווי שניי אויפן קאָפּ, און דו זאָלסט זיך אפילו ניט פּרואוון אַנט־קעגנשטעלן — וואָר געזונט איז ער און געשיקט ווי אַ רוח... און מיט קיין שום זאַך וועסטו אים ניט קויפן: ניט מיט בראָנפן, ניט מיט געלט; עס נעמט אים קיין שום זאַך ניט, גוטע ברידער האָבן שוין ניט איינמאָל געוואָלט אים משלח זיין פון דער וועלט, אָבער ס'געהט ניט", אַזוי פלעגן די שכנישע פויערים צווישן זיך רעדן וועגן ביריוקן.

*) אין אָרלאָווער גובערניע רופט מען אָן מיטן נאָמען „ביריוק" אַ מענטשן אַן איינזאַמען און אַ כמורן.

— אַזוי, ביזטו דאָס ביריוק, — האָב איך איבערגע־חזרט: — איך האָב ברודער, געהערט וועגן דיר. מ׳זאָגט, דו גיסט קיינעם ניט נאָך.

— איך טו מיין אַרבעט, — האָט ער אָנגעברוגזט גע־ענטפערט, — אומזיסט עסט מען ביים פּריץ קיין ברויט ניט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון גאַרטל אַ האַק, זיך צו־געזעצט אויפן דיל און גענומען אָנשפּאַלטן אַ קינעלע.

— האָסטו דען ניט קיין בעל־הביתטע? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט און אַ שטאַרקן מאַך געטאָן מיט דער האַק.

— געשטאָרבן, וואָס?

— ניין... יאָ... געשטאָרבן, — האָט ער צוגעגעבן און זיך אָפּגעקערעוועט.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— אַנטלאָפן מיט אַ „מעשטשאַנין" אַ דורכגייער, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ ביטערן שמייכל. דאָס מיידעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעשריגן; דאָס מיידעלע איז צו צום וויגעלע.

— נאַ, גיב אים — האָט ביריוק אַ זאָג געטאָן, אַריינ־געדרוקט אין האַנט אַן אויסגעשמירט סמאָקערל. — אָט, אים האָט זי אויך אַוועקגעוואָרפן, — האָט ער ווייטער געזאָגט שטילערהייט, אַ ווייז געטאָן אויפן קינד. ער איז צו צו דער טיר, האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעדרעהט.

— איך רעכן, פריץ, — האָט ער אָנגעהויבן, — איר וועט ניט עסן אונזער ברויט, און חוץ ברויט איז ביי מיר...

— איך בין ניט הונגעריג.

— נו, ווי איר פאַרשטייט. איך וואָלט אייך געמאַכט אַ סאַמאָוואַר, האָב איך קיין טיי ניט... כ'וועל גיין אַ קוק טון, וואָס מאַכט אייער פערד.

ער איז אַרויס און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. איך האָב זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט. די שטוב האָט מיר אויסגעזעהן נאָך אומעטיגער איידער פריהער. אַ ביטערער ריח פונם אָפּגעקילטן רויך האָט מיר פיינענדיג געשטיקט דעם אָטעם. דאָס מיידעלע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און ניט אויפגעהויבן די אויגן; זעלטן האָט זי אַ שטופּ געטאָן דאָס וויגעלע און שעמעוודיג אַרויפגעשלעפּט אויף דעם אַקסל דאָס העמדל, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט. אירע נאַקעטע פיס זיינען אַראָפּגעהאַנגען, ניט גערירט.

— ווי אַזוי הייסטו? — האָב איך געפרעגט.

— אוליטאַ — האָט זי אַרויסגערעדט און נאָך מער אַראָפּגעלאָזט איר טרויעריג פּנימל.

דער וואַלדהיטער איז אַריין און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

— דער רעגן הערט אויף — האָט ער באַמערקט נאָך אַ קורץ שווייגן; — אויב איר ווילט, וועל איך אייך דורכפירן פון וואַלד אַרויס.

איך בין אויפגעשטאַנען. בירויק האָט גענומען די ביקס און באַטראַכט די פולווערלאָך.

— וואָס איז דאָס ? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן.

— אזוי, מ׳שטיפּט אין וואַלד... ביים „קוביליער ווערך" האַקט מען אַ בוים, — האָט ער מיר געענטפערט אויף מיין פרעגנדיגן בליק.

— וואָס הייסט, מ׳הערט דען פון דאַנען ?

— פון הויף הערט מען.

מיר זיינען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען.

דער רעגן האָט אויפגעהערט. און דערווייל האָבן זיך געקנוילט שווערע אומגעהייערע מאַסן כמאַרע, זעלטן האָבן אויפגעפלאַמט לאַנגע בליצן; אָבער איבער אונזערע קעפּ האָט זיך שוין אַרויסגעזעהן דאָ און דאָרט אַ טונקל־בלויער הימל, שטערנדלאַך האָבן געבלינצעלט דורך שיטערע, האַסטיג־לויפנדיגע וואָלקענס; פון דער פינסטער האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן די קאָנטורן פון בוימער, באַשפריצט פון רעגן און אויפגערודערט פון ווינט. מיר האָבן זיך איינגעהערט. דער וואַלדהיטער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, און אָנגעבויגן דעם קאָפּ... — „אָ... אָט, — האָט ער פּלוצים אַרויסגערעדט און אויסגעשטרעקט די האַנט: — אַ, ס׳אַ מין נאַכט ער האָט אויסגעקליבן". — איך האָב גאָרנישט געהערט חוץ דעם רויש פון בלעטער. בירויק האָט אַרויסגעפירט דאָס פערד פון אונטער דער שאָפּע. „אַזוי וועל איך אים נאָך פאַר־שפּעטיגן" — האָט ער צוגעגעבן אין דער הויך. — איך וועל גיין מיט דיר...ווילסט ?

— רעכט, — האָט ער געענטפערט און אַ שטופּ געטאָן דאָס פערד אויף צוריק: — מיר וועלן אים באַלד פּאַקן, דערנאָך וועל איך אייך דורכפירן. קומט.

מיר זייגען אַוועק; בּירױק אויף פֿריהער, איך נאָך אים דער גוטער יאָר ווייסט אינז, ווי אַזוי ער האָט דערקענט דעם וועג, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט זעהר זעלטן און דאָס אויך נאָר, כּדי זיך איינצוהערן צום קלאַפּן פֿון דער האַק.

— הם, — האָט ער געמורמעלט צווישן די ציין, איר הערט, איר הערט?

— אָבער וואו? — בּירױק האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ראָי אַריין, דער ווינט איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן — איינס נאָכ־אַנאַנד האָבן גאַנץ קלאָר דערגרייכט צו מיין אויער קלעפּ פֿון אַ האַק; בּירױק האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַ שאָקל מיטן קאָפּ. מיר זייגען אַוועק ווייטער איבער נאַסן פּעדער־גראָז *) און קראָפּיווע. עס האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער און דויערנדיגער האַק...

— ער האָט אומגעוואָרפֿן... — האָט בּירױק אַ מורמל געטאָן. דערווייל האָט זיך דער הימל אַלץ מער אויסגעלייטערט, אין וואַלד איז עטוואָס ליכטיג געוואָרן. מיר זייגען ענדליך אַרויס פֿונם ראָי.

— וואַרט נאָר אויס דאָ — האָט דער וואַלדהיטער מיר אַ פּליסטער געטאָן, האָט זיך איינגעבּויגן, אויפגעהויבּן די בּיקס אין דער הויך און איז פֿאַרשוואונדן צווישן די קוסטעס. איך האָב אָנגעשטרענגט זיך געגומען איינהערן. דורך דעם גערויש פֿון ווינט, וואָס האָט ניט אויפגעהערט, האָבן זיך מיר אויסגעדאַכט ניט ווייט שוואַכע קולות; אַ האַק

*) Папоротник.

האָט פאַרזיכטיג געקלאַפּט איבער די צווייגן, רעדער האָבן געסקריפּעט, אַ פערד האָט געפּאָרסקעט...

— וואוהין? שטיי! — האָט מיט אַמאָל אַ דונער געטאָן ביריוקס אייזערנע שטים.

אַ צווייט קול האָט אַ געשריי געטאָן וויינענדיג, ווי אַ האָז, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל.

— ניין, ניין, — האָט ביריוק סאָפּנדיג איבערגעחזרט, — וועסט ניט אַנטלויפן.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן גערויש נאָך, זיך פאַרטשעפּענדיג אויף יעדן טריט, צום אָרט. דער וואַלדהיטער האָט זיך געבאַבראַעט אויף דער ערד נעבן אַן אָפּגעהאַקטן בוים; ער האָט געהאַלטן אונטער זיך דעם גנב און אים פאַרדרעהט מיטן גאַרטל די הענט אויף אַרונטער. איך בין צוגעגאַנגען, ביריוק האָט זיך אויפגעהויבן און אים אַוועקגעשטעלט אויף די פיס. איך האָב דערזעהן אַ נאַסן פויער, אין שמאַטעס, מיט אַ לאַנגער צעשויבערטער באָרד. אַ חרובדיג פערדל, ביים האַלז פאַרדעקט מיט אַ מאַטע, איז געשטאַנען דערנעבן מיט דער פעדערשטער אַקס פון וואָגן. דער וואַלדהיטער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט; דער פויער האָט אויך געשוויגן און האָט נאָר מיטן קאָפּ געטרייסלט.

— לאָז אים אָפּ, — האָב איך אַ פליסטער געטאָן ביריוקן אויפן אויער, — איך וועל באַצאָלן פאַרן בוים.

ביריוק האָט שווייגנדיג אָנגענומען מיט דער לינקער האַנט דאָס פערדל פאַר דער גריווע: מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גנב פאַרן גאַרטל.

— נו, ריר זיך, וואָראָנע! — האָט ער האַרט אַ זאָג געטאָן.

— נעמט נאָר דאָס העקל דאָרט — האָט דער פויער אַ מורמל געטאָן.

— צו וואָס זאָל דאָס דאָ פאַרפאַלן ווערן? — האָט דער וואַלדהיטער געזאָגט און אויפגעהויבן די האַק.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. איך בין געגאַנגען פון הינטן... עס האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן מאַראַקען אַ רעגענדל און באַלד האָט ער אַ גאָס געטאָן ווי אַ מבול. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער שטוב. ביריוק האָט איבערגעלאָזט דאָס געפאַנגענע פערדל אין מיטן הויף, אַריינגעפירט דעם פויער אין שטוב אַריין, אים גרינגער געמאַכט דעם קנופּ און אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. דאָס מיידעלע, וואָס איז איינגעשלאָפן נעבן אויוון, איז אויפגעשפרונגען און האָט שווייגנדיק דערשראָקן געקוקט אויף אונז. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק.

— אַ מין גיסן! — האָט דער וואַלדהיטער באַמערקט; —מע וועט מוזן איבערוואַרטן. אפשר ווילט איר זיך צושפּאַרן?

— אַ דאַנק.

— איך וואָלט אים, צוליב אייך, פאַרשפּאַרט אין קאַמער, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, אַ ווייז געבנדיג אויף דעם פויער; — אָבער איר פאַרשטייט, דער ריגל...

— לאָז ער זײַן דאָ, טשעפּע אים ניט, — האָב איך איבערגעשלאָגן ביריוקן די רייד.

דער פויער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן פון אונטן אַרויף. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט באַפרייען דעם

דאָזיגן פויער, וואָס עס זאָל ניט זיין, ער איז געזעסן אויף דער באַנק, ניט גערירט זיך. ביי דער ליכט פונם לאַמטערן האָב איך געקאָנט באַטראַכטן זיין אויסגעמאָגערט, געקנייטשט פנים, די אָנגערוקטע געלע ברעמען, די אומרוהיגע אויגן, דאַרע גלידער...

דאָס מיידעלע האָט זיך איינגעמאָסטעט אויפן דיל האַרט נעבן זיינע פיס און איז ווידער איינגעשלאָפן. ביריוק איז געזעסן נעבן טיש, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט. אַ גריל האָט געפייפט אין אַ ווינקעלע... דאָס רעגענדל האָט געקלאַפּט אין דאַך און גערונען איבער די פענסטער; מיר האָבן אַלע געשוויגן.

— פּאָמאַ קוזמיטש, — האָט פּלוצים דער פויער אָנגע־הויבן רעדן מיט אַ טעמפּ צעבראָכן קול, — אַ, פּאָמאַ קוזמיטש.

— וואָס ווילסטו?

— לאָז אָפּ.

ביריוק האָט ניט געענטפערט.

— לאָז אָפּ... פון הונגער... לאָז אָפּ!..

— איך קען אייך, — האָט דער וואַלדהיטער געענטפערט אָנגעברוגזט: — די גאַנצע סלאָבאָדע אייערע איז אַזאַ: הוילע גנבים.

— לאָז אָפּ, — האָט דער פויער איבערגעחזרט: — דער גוטספאַרוואַלטער... אָרימע לייט געוואָרן... ביזן האַלז דער־גאַנגען... לאָז אָפּ!..

— אָרימע לייט!.. גנבענען טאָר קיינער נישט.

— לאָז אָפּ, פּאָמאַ קוזמיטש... קוילע ניט. אייערער, ווייסט דאָך אַליין, וועט דערייגן די יאָר.

בירריק האָט זיך אָפּגעקערעוועט. דער פויער האָט גע־צוקט, גלייך ווי אַ פיבער וואָלט אים געטרייסלט. ער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ און שווער געאָטעמט.

— לאָז אָפּ, — האָט ער געחזרט זיינס מיט אַ פאַר־צווייפלטן אומעט: — לאָז אָפּ, אויף מיין וואָרט, לאָז אָפּ! איך וועל באַצאָלן, בנאמנות, גאָט איז אַן עדות, פון הונגער... די עופעלאַך פישטשען, ווייסט דאָך אַליין, ס׳איז אַ ביטער לעבן...

— און גיי פאַרט ניט גנבענען, — דאָס פערדל, — האָט ווייטער דער פויער געזאָזט: — לאָז כאָטש דאָס פערדל אָפּ... איין שטיקל סך־הכל... לאָז אָפּ...

— אַז מ׳זאָגט, מ׳טאָר נישט... איך בין אויך אַ פאַר־קויפטער מענש: מ׳וועט ביי מיר מאָנען, אייך צעלאָזן טאָר מען אויך נישט.

— לאָז אָפּ! די נויט, פּאָמאַ קוזמיטש, די נויט די גרויסע... לאָז אָפּ!

— איך קען אייך!

— לאָז אָפּ!

— ע, וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן; זיך רוהיג. וואַרן אַ׳ניט, ווייסטו דאָך! זעהסט ניט דעם פריץ, צי וואָס?

דער אָרימער פויער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

בירריק האָט אַ געניץ געטאָן און אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויפן טיש. דער רעגן האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט. איך האָב געוואַרט, וואָס וועט זיין.

דער פויער האָט זיך פלוצים אויסגעגלייכט. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און די פאַרב איז אים אַריין אין פנים.

— נו, נאַ, פרעס, נאַ, וואַרג זיך, נאַ, — האָט ער אָנ־געהויבן, פינטלענדיג מיט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די ליפּן־ווינקלען: — נאַ, דו, רוצח: „טרינק קריסטליך בלוט, טרינק”...

דער וואַלדהיטער האָט זיך אומגעדרעהט.

— דיר זאָג איך, דיר, אַזיאַט, בלוטזויגער, דיר!

— ביזט שכור, צי וואָס? וואָס זידלסטו זיך? — האָט דער וואַלדהיטער פאַרוואונדערט אָנגעהויבן, — ביזט פון זינען אַראָפּ, צי וואָס?

— שיכור! ניט פאַר דיין געלד, דו, רוצח, חיה, חיה, חיה!

— אַך, דו... איך וועל דיר!

— וואָס אַרט עס מיך? סיי ווי פאַרפאַלן: וואוהין וועל איך זיך אַהינטון אָן אַ פערדל? דערהרגע און אַ סוף! אַלצאיינס — צי פון הונגער, צי אַזוי, זאָל אַלץ מיטאַנאַנדער כפּרה ווערן: דאָס ווייב, די קינדער, אַ פּגירה אויף אַלץ... און צו דיר, וואַרט נאָר אויס, וועלן מיר נאָך צוקומען!

ביריוק האָט זיך אויפגעהויבן.

— שלאָג, שלאָג — האָט דער פויער אונטערגעכאַפּט מיט אַ רציחה־קול — שלאָג, נאַ, שלאָג... (דאָס מיידעלע איז האַסטיג אויפגעשפּרונגען פון דיל און האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן). — שלאָג! שלאָג!

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער וואַלדהיטער אַ דונער געטאָן און אַ פּאָר שפּאַן געמאַכט.

— גענוג, גענוג, פּאָמאַ, — האָב איך אַ געשריי געטאָן — לאָז אים צורוה...

— איך וועל נישט שווייגן — האָט דער אומגליקליכער ווייטער געשריגן: — אַלצאיינס — אַ טויט. רוצח איינער, וואָס דו ביזט, חיה, קיין מפלה קומט ניט אויף דיר.. נאַר, וואַרט אויס, ניט לאַנג וועסטו נאָך קאָמאַנדעווען! מ׳וועט דיר פאַרשטאָפּן די געמבע, וואַרט נאָר אויס!

בירויק האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער פלייצע, איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן דעם פויער צו הילף.

— טשעפּע ניט, פריץ! — האָט דער וואַלדהיטער אויף מיר אַ געשריי געטאָן.

איך וואָלט זיך ניט דערשראָקן פאַר זיין געשריי און האָב שוין געוועזן אויסגעשטרעקט די האַנט, אָבער צו מיין גרויס שטוינען, האָט ער מיט איין דרעה אַראָפּגעשלעפּט דעם גאַרטל פונם פויערס הענט, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער, אים אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, האָט געעפנט די טיר און אים אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַרויס.

— גיי צו אַל-די רוחות מיט דיין פערדל! — האָט ער אים נאָכגעשריגן: — נאָר זעה, היט זיך אַ צווייט מאָל...

ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב און גענומען זיך גריבלען אין ווינקל.

— נו, בירויק, — האָסט מיך פאַרוואונדערט, איך זעה, דו ביזט אַ וואוילער יונג.

— וואָס איז דאָ צו רעדן, פריץ, — האָט ער מיך איבער־געשלאָגן מיט פאַרדראָס: — איר זאָלט מיר ניט דערציילן. בעסער וועל איך אייך שוין דורכפירן, — האָט ער צוגעגעבן.

ווייזט אויס, איר וועט זיך ניט דערוואַרטן ביז דער רעגן וועט אויפהערן...

איבערן הויף האָבן געגומען קלאַפּן די רעדער פונם פויערס וואָגן.

— הם! זיך אַוועקגעשלעפּט, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, — איך וועל אים ווייזן!..

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט אויפן עק וואַלד.

✱

אינהאַלט:

	זייט
מומו	7
בעזשענער לאַנקע	63
בירױק	105

יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין

JÜDISCHER LITERARISCHER VERLAG G. m. b. H.

BERLIN SW 68, ZIMMERSTRASSE 7—8

ס׳איז ארויס פון דרוק די ערשטע סעריע ביכער:

גרונד־פרייז

I. **ל׳ קוויטקאָ: גרין־גראָז** (לידער) . . . . . . 5 מארק

II. „ ***1919*** (לידער) . . . . 5 מארק

III. **אָפּאַטאָשו: פאַרלוירענע מענשן** (ראמאן) . 6 מארק

IV. **דער נסתּר: געדאַכט** (מעשיות) ערשטער באנד 6 מארק

V. **דער נסתּר: געדאַכט** (מעשיות) צווייטער באנד . 7 מארק

VI. **מרדכי אַלפּערסאָן: 30 יאָר אין אַרגענטינע**
(מעמוארן) . . . . 9 מארק

VII. **דוד קאָיגען: אין שטורעם פון געשיכטע**
(מעמוארן) . . . . 4,5 מארק

VIII. **פ׳ שנאורסאָן: חיים גראַוויצער**
(דערציילונג) . . . . 2,5 מארק

IX. **אַ׳ טשעריקאָווער: אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין *1917—1918***
אַרויסגעגעבן פונם «מזרח־יידיש׳ היסט׳ ארכיוו» 8 מארק

X. **ש׳ דובנאוו: די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאלק**
ערשטער באנד (1789—1815) . . . . 12 מארק

XI. **ע׳ קאָרמאַן: ברענענדיקע בריקן** אַנטאָלאָגע 5 מארק

XII. **י׳ ח׳ ברענער: אַרום אַ פּינטעלע** (מסביב לנקודה)
ראמאן, פון העברעאיש ב׳ סלוצקי

XIII. **א׳ טורגענעוו: מומו און אנד׳** דערציילונגען,
פון רוסיש — ב׳ סלוצקי

XIV. **ל׳ דייטש: יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציע**
(זכרונות וועגן יידן־רעוואלוציאנערן) פון רוסיש — ע׳ קארמאן

ס׳דרוקט זיך:

I. **אין דער תקופה פין רעוואָלוציע** זאַמלבוך
אונטער דער רעדאַקציע פין א׳ טשעריקאָווער

II. **בערנהאַרד קעלערמאַן: דאָס געשעהעניש** (Schwedenklees Erlebnis)
נייער ראָמאַן, אַווטאָריזירטע איבערזעצונג פון ר׳ זעליגמאַן

III. **א׳ רעוואוצקי: אין די שווערע טעג אויף אוקראַינע** זכרונות פין אַ יידישן מיניסטער

IV. **ש׳ דובנאָוו: די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק**
צווייטער באַנד — די תקופה פון דער ערשטער רעאַקציע (1815—1848) און די תקופה פון דער צווייטער עמאַנסיפּאַציע (1848—1881)
דריטער באַנד — די תקופה פון דער צווייטער רעאַקציע (1881—1914)

ס׳גרייט זיך צום דרוק:

V. **ש׳ דובנאָוו: די אַלגעמיינע יידישע געשיכטע**
די מזרח־תקופה: די יידישע געשיכטע פון אַלטע צייטן ביז שפּעטן מיטלאַלטער — 3 בענד
די מערב־תקופה: די יידישע געשיכטע אין אייראָפּע פון אָנהויב מיטלאַלטער ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 — 4 בענד

VI. **ב׳ גלאָזמאַן: אינזל** ראָמאַן

VII. **מ׳ אַלפּערסאָן: 30 יאָר אין אַרגענטינע** צווייטער און דריטער באַנד.